אלנפאלס וואלט איך געראטן פאראינטערעסירטע יידן זיך צו פארשאפן דעם בוך און זיך פארטיפן אין זיין תוכן, דעם ספר „יידן פון עסטרייך" וואס איז מיט אזוי פיל איבערגעגעבנקייט און היסטארישן אחריות צונויפגעשטעלט געווארן פון יוסף פרענקעל.

## שארל באדלעיר

## דער פרעמדער

ווענען האסטו אממערסטן ליב, א סודותדיקער מענטש, זאג? דיין טאטן, דיין מאמע, דיין שוועסטער אדער דיין ברודער?

— כ'האב נישט קיין טאטן, קיין מאמע, קיין שוועסטער, קיין ברודער.

— דיינע פריינט?

— איר באנוצט אייך מיט א ווארט, וואס עד־היום איז דער טייטש דערפון מיר געבליבן אומבאקאנט.

— דיין פאטערלאנד?

— כ'ווייס נישט וואו עס געפינט זיך.

— די שיינקייט?

— כ'וואלט זי גערן געליבט, אט די אומשטערבלעכע געטין.

— דאס גאלד?

— איך האב עס אזוי פיינט ווי איר האט פיינט גאט.

— טא וואס־זשע האסטו ליב, דו מאדנער פרעמדער?

— כ'האב ליב די וואלקנס... די וואלקנס וואס גייען פארביי... דארט אונטן... די וואונדערלעכע וואלקנס?

## שכורט אייך אן

מען דארף זיין תמיד שכור דאס איז אלץ: ס'איז די איינציקע זאך. כדי נישט צו שפירן די משא פון צייט וואס ברעכט אייך די פלייצעס און בייגט אייך צו דער ערד, דארף מען זיך אנשכורן אן אן אויפהער.

אבער מיט וואס? מיט וויין, מיט פאעזיע אדער טוגנט, דאס איז שוין אייער זאך. נאר שכורט אייך אן.

און אויב טיילמאל, ערגעץ־וואו אין א פאלאץ, אויפן גרינעם גראז ביי א גרובן, אין דער אומהיימלעכער איינזאמקייט פון אייער שטוב, איר כאפט אייך אויף, די שכרות שוין פארמינערט אדער פארשוואונדן, זאלט איר פרעגן בייט ווינט, ביי דער ים־כוואליע, ביי א שטערן, ביי א פויגל, ביי א זייגער, ביי אלעם דעם וואס פארשווינדט, ביי אלעת דעם וואס זיפצט, ביי אלע דעם וואס קאלערט זיך, ביי אלעם דעם וואס זינגט, ביי אלעם דעם וואס רעדט, איר זאלט פרעגן ווי שפעט עס איז; און דער ווינט, די כוואליע, דער שטערן, דער פויגל, דער זייגער, וועלן אייך ענטפערן: „ס'איז די שעה זיך אנצושכורן! כדי קיינמאל נישט צו זיין קיין געפייניקטער קנעכט פון צייט, זאלט איר אייך כסדר אנשכורן אן אן אויפהער! מיט וויין, מיט פאעזיע אדער טוגנט, יעדער אויף זיין שטייגער".

יידיש א. אלמוג



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 1־440) ניין און צוואנציקסטן יאר אויג.־סעפ. 1968 לאנדאן

א י נ ה א ל ט:


| | | |
|---|---|---|
| ירושה און המשך — לעצטע שורה־סך־הכל, ראש השנה תשכ"ט | °° | 1 |
| דער קאסמאפאליטישער ראש־השנה (עסיי) | יעקב ריכטיגער | 6 |
| דער וועג קיין נינוה (ליד) | יוסף לעפטוויטש | 12 |
| דער פארשאלטענער איוב (דערציילונג) | יוסף ד. באסט | 12 |
| נאך נעילה (ליד) | שמואל ווהייט | 17 |
| באשעפער פון ערד און גייסט | מאיר גערטנער | 18 |
| אל תירא עבדי יעקב (ליד) | הערי פאצאנאווסקי | 23 |
| „עלזע לאסקער שילער", דער זעער א.א. (פראזע און פאעזיע) | א. נ. שטענצל | 24 |
| דער נאר און די ווענוס, די מעשים טובים פון דער לבנה | שארל באדלעיר | 44 |
| י. ל. פיין פינף און אכציק יאר יונג | אייזיק גאלדבערג | 42 |
| אן איסערגעוויינלעכע שול־צערעמאניע (פלעטאן) | י. ל. פיין | 43 |
| חשבון הנפש | שידאן | 46 |
| „קלאנגען" פון ישעיה זאנדבערג, | פראפעסאר שמואל אייזנשטאט | 47 |
| כצל עובר | מאיר באגדאנסקי | 48 |
| זומער פייגעלעך (ליד) | עלע זילבערג | 49 |
| מוזיק | מאיר באגדאנסקי | |


## יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

שבת, דעם 21'סטן סעפטעמבער — נעט רובין לייענען: „אויב נישט נאך העכער" פון י. ל. פרץ, „לשנה טובה תכתבו" פון שלום עליכם. מאיר באגדאנסקי זינגען: ראש־השנה תפילות.

שבת, דעם 28'סטן — י. ריכטיגער, נ. רובין און מ. באגדאנסקי.

---

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—
'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS.
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

---

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*

## לשנה - טובה - ווונטשן

די רעדאקציע „לשון און לעבן“ ווינשט אירע מיטארבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

די ברידער נאראדיצקי, בר כוכבא און כרמל, פון פארלאג און דרוקעריי „די נאראד פרעס“ ווינטשן א כתיבה וחתימה טובה זייער מוטער אין ישראל און זייער קרובים און פריינט, אנגעשטעלטע און קליענטן.

מיכאל, רות און גילעד לידור ווינטשן זיירע עלטערן און שוועסטערן אין לאנדאן און אין ישראל און אלע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

זרובבל נאראד און פרוי ווינטשן א כוח״ט זייער משפחה און פריינט.

מנשה און מילי ווייסגראז ווינטשן זייערע קינדער, משפחה און גוטע פריינט, א גוט געזונט יאר.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער משפחה און פריינט פון יידיש לשון שוישפילער פון גראנד־פאלעיי־טעאטער און באזינדער מארק מארקאוו און עטא טאפעל, אין סאדערן ראדישיא, א כתיבה וחתימה טובה.

עלא זילבערג — שנה טובה ומאושרת, א געזונטן פרייליכן יאר פאר מיין ליבן ברודער, זיינע פרוי און קינדער, און פאר אלע פריינט פון אידישן פאלק און לשון.

חיים נח בענקוויטש — לשנה טובה צו מיינע קינדער, איניקלאך, אור איניקל, משפחה און כלל ישראל.

א געזונט און גליקלעך יאר, ווינטשן מיר אונזער טאכטער אידעם, איניקל, ריטשמאנס משפחה און פריינט. באזונדערס אלע פריינט פון „פריינט פון יידיש לשון“ די „ליטערארישע שבת נאכמיטאגס“ און כל ישראל — אייזיק גאלדבערג און פרוי צביה.

פארזיצערן פונם איסט לאנדאן „וויצ״א מרס. אני נאדלער, ווינשט די מעמבערס פון וויצ״א, בית ציון און „לשון און לעבן“ א כתיבה וחתימה טובה.

סיידי שעני, טורנער סטר. 18 א.1. ווינשט איר ברודער, און פאמיליע, און אלע פריינד א גוט און גליקלעך יאר.

סעם לעפ און פרוי ווינטשן אלע פריינט א גוט געזונט יאר.

יעקב ריכטיגער און פרוי שיקן א כתיבה וחתימה טובה אלע זייערע קרובים און פריינט און כל ישראל בכל מקום שהם.

שמואל און אסתר וההייט—ווינטשן זייער פאמיליע, פריינד און כלל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

כ׳ווינטש א כתיבה וחתימה טובה מיינע פריינד — משה דאמב.

משה בעקערמאן ווינטשן משפחה, פריינט אין ענגלאנד, פראנקרייך, פוילן און אמעריקע און כל ישראל איאר פון געזונט, פרנסה און א פריידלעך לעבן.

רחל מירסקי ווינשט איר שוועסטער און שוואגער אין דער שווייץ, איר ברודער מיט זיין פרוי און קינדער אין אמעריקא, איר משפחה אין מדינת ישראל אויך אין פאריז און אלע פריינט אין לאנדאן א גוט יאר.

א יאר פון גאולה און ישועה און פון שאפערישער פרייד ווינטשט פריינד און גאענטע, דר. יעקב י. מייטליס און משפחה.

מיכאל זילבערבערג און פרוי — א כתיבה וחתימה טובה צו אלע אונדזערע פריינד, בכל מקום שהם.

יודל גאלדבערג, פרוי און טאכטער ווינטשן די גאנצע משפחה, פריינט און באקאנטע א גוט יאר.

ל. ביילי — איך ווינטש מיינע קינדער און איניקלעך, אור־איניקלעך, אויך מיין ליבע שוועסטער מיט איער מאן און אלע פריינט, א גוט און געזונד יאר.

מרים לעווי און פאמיליע ווינשט אלע פריינט אלעס בעסטע צום נייען יאר.

דוד גרייוועוער ווינטשט משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

נחום שטענצל, פרוי און טאכטער און א. נ. שטענצל ווינטשן אלע זייערע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

מארי ביעטש פרוי און זון, ווינטשן זייער משפחה, קרובים און פריינט, בכל מקום שהם, און „פריינט פון יידיש לשון“ א גוט און גליקליך יאר. און א כתיבה וחתימה טובה.

יוסף הלל בינענפעלד ווינשט זיינע טעכטער, אידעמס, אייניקלעך, און אלע קרובים און פריינט, א כתיבה וחתימה טובה. אייניקלעך און אוראייניקלעך און אלע אירע קרובים און פריינט אסך גוטע געזונטע יארן.

פרוי גוסטע געפמאן ווינטשן אירע קינדער סאלאנט אין ישראל, און ברודער אין

(המשך אויף זייטל 48)

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 8־9 (העפט 440־1) נײַן און צוואנציקסטן יאר אויג.־סעפ. 1968 לאנדאן

## ירושה און המשך — לעצטע שורה פון סך - הכל

„מלכותך מלכות כל העולמים וממשלתך בכל דור ודור“ — אונטער יעדער מלוכה־ארדענונג, אונטער אלע קולטור־עפאכעס האט דאס יידישע פאלק באוויזן זיין דור־דורותדיקן אויסדויער, אונטער אלע פעלקער, צווישן אלע שבעים אומות ולשון, אין אלע קלימאטן אין זיין גלות־וואגל, האט עס באוויזן אויסצוהאלטן; אין אלע לענדער, וועלט־טיילן, אידעאלאגיעס צו באהאלטן זיין אייגנארט, יידישלעכן נוסח, שעפערישע יצירה — זיין יידעלאגיע!

צעריסן, צעפיצלט, צעשטיקלט אבער איין גאנצקייט, איין עם־אחד. קיין ריכטיקע ארבע אמות ערד אונטער די פיס, קיין זיכערע פיר ווענט ארום זיך, קיין דירת־קבע, אבער איין גרויסן הימל איבערן קאפ —

און האבן מיר אויפגעהויבן די אויגן צום אים, האבן די מזלות געשיינט און אונטערן דיקסטן וואלקן נאך האבן זיך באהאלטן גן־עדנדיקע ש״י־עולמות פון יעדן ערלעכן און גערעכטן מענטשן.

און דאס זעלביקע אצינד! צוריקבאקומענדיק אונזער נאציאנאלע זעלבסשטענדיקייט, איז כלל קיין פראגע נישט, אונטער וואסער ארדענונג־איינפלוס מיר זאלן נישט ארונטערפאלן, אונטער וואסער ציוויליזאציע־און פאליטישער־השפעה — אונזער עיקר אויפגאבע איז צו באשיצן און צו באהיטן אונזער עטישע־און שעפעריש־עסטעטישע אייגנארט.

די טראדיציע־ירושה פלאטערט אינטער יעדע פאן, אויב דאס בלוי־געאדלטע בלוט פון די אבות רינט ווארעם אין די אדערן.

אויב אבער די ירושה־טראדיציע און דער שעפערישער המשך ווערט חלילה איבערגעריסן, פארזינקט דאס פאלק אין שפלות־תהום פון פינסטערער גלות־אסימילאציע, אדער אין ככל־הגוימדיקן שווערד־שארפערישן צעגלאנצטן סופער־פאטריאטיזם.

די זיבן, אכט מיליאן יידן אין די צפון־מערב אייראפעאישע קהילות, און דרום־אמעריקע זיינען לגמרי גאר נישט קין סך געזיכערטער אונטער די קריסטלעך־בירגערלעך דעמאקראטישע מלוכות, ווי די דריי און א האלבע מיליאן אונטער דער סאוויעטישער ארדענונג אויב דער עטישער־און דער שעפערישער־המשך אונדזער זאל חלילה, איבערגעריסן ווערן — פרייוויליגע אסימילאציע, צי געצווינגענע? גייסטיקער טויט, חלילה, איז טויט — „לא אמות כי אחיה ואספר מעשי יה“.

און דער צוויי און א האלב מיליאניגער יישוב אונזערער, אונזער מדינת ישראל, וואס וועגט זיך נאך אלץ אויף דער וואגשאל פון „מיגס“ און „פאנטאמס“, וועט חלילה בלייבן נאר א פאנטאם, אויב מיר וועלן נישט באשיצן

און באהיטן אונזער עטישער־טראדיציע און שפעריש־יידישלעכן המשך.

די שונא ישראל האבן דאס געוווּסט, אין אלע צייטן און אין אלע דורות, און די „פריינט“ פון ישראל ווייסן דאס איצט און זיי האבן אלץ געטון און טון נאך איצט צומאל, דאס וואס זיי טון... מיר אבער ווייסן, אז אין לנו שור רק התורה הזאת“ — אן איבערבלייב פון אונז וועט נאר בלייבן ווען מיר באהיטן אונזער עטישע ירושה און גייען ווייטער אן מיט אונזער שפערישן המשך — „מלכותך מלכות כל העולמים וממשלתך בכל דור ודור“.

פטור בלא כלום אי אפשר, א שטיקעלע פון אסך־הכל מוז מען דאך מאכן! אין יאר תשכ"ח, האבן אונזערע דריי גרעסטע יידישע זשורנאלן געפייערט זייערע יובלס: „די צוקונפט“ איר 75׳סטן יארגאנג, „די יידישע קולטור“ איר 30׳סטן און אחרון אחרון „די גאלדענע קייט“ — איר 60׳סטן נומער. און אלע דריי יום־טוב־נומערן זיינען פול מיט פראזע, פאעזיע און עסייאיסטיק, וואס פאר די גרעסטע ליטערארישע זשורנאלן אין אלע לשונות וואלטן פאר שאפט כבוד אזא מאטעריאל. אויב אין יאר תשכ"ח ביי דעם געראנגל פאר יידישער עקסיסטענץ, ס׳דערשיינען נאך אזעלכע וואגיקע יידישע זשורנאלן, באוועגט זיך נאך ס׳וואגשאל־צינגל מיט שפערישן יידישן כוח.

## ראש - השנה תשכ"ט

דאס פעלזיק צעשורהטע בלאט פון יענעם ספר,
יעדע האנט דעריין טוט זיך פון אליין ארײנשרייבן,
שטייט די אפענע כותל־וואנד איצט פאר יענעם פאלק —
א מלחמה איבער ירושלים אנהייבן!

שעפסלעך אדורכגעגאנגען אונטערן פאסטוכס רוט,
אזוי זיך געטון אין ארץ־ישראל צונויפקלייבן — —
ווי צו יענער האנט אויף דער טוליענדיקער סטאדע,
זיך אויפהייבן, זי וועלן ווידער פאנאנדערטרייבן.

## זלמן שזר נשיא פון מדינת - ישראל

עס וואלט דאך באמת נישט געוועזן בסדר,
דעם ראש־המדינה הייאר נישט צו שרייבן א ליד,
א פאעט, וואס שרייבט יידישע לידער — א נשיא!
און נישט נאר א חב"דניק — א יידישלעכער ייד.

דריי פרעזידענט אין ישראל, און זע אלע דריי,
פון שטעטלעך ווי „טל־מטר׳ס“ אין סדורלעך קליין;
ווי גרויס אונזערע שטעטלעך געמוזט זיין! ווינטש איך אים:
זוכה זיין צום דריטן מאל נאך געוויילט זיין — אמן.

און באמת וואס קאן איך דען מער נאך ווינטשן,
ווי שלום ס׳זאל זיין? אז אזוינס שוין דערלעבט ער האט:



אין זיינע צייטן א גאנץ ירושלים איצט,
און עם־ישראל אצינד ווידער א גוי אחד.

## הרב גורן

ס׳בילד פון הרב גורן ביי דער מערב־וואנט,
אין טלית, אין של ראש, די תורה אין האנט,
געשטעלט? רעטושירט? אצינד ערשט כ׳האבס פערשטאנען!
פון פלאמען ארויסגעריסן, ר׳וואלט געגאנגען — —

תשעה־באב פול מיט שאטנס זעט די שול אויס,
צו „ויחל“־לייענען מען נעמט ס׳ספר ארויס,
פונקט אזוי אויפן בילד זעט אויס הרב גורן —
עס איז די שעה ווען משיח ווערט געבוירן.

פינסטער, דאס פרוכת ווייט אוועקגערוקט,
פון דער טיפקייט די שכינה ארויסקוקט,
צו דער כותל מיטן שטערן צוצופאלן:
הערט זי נישט דעם שופר של משיח שוין שאלן — — —

## ימים נוראים

א.

נישט נאר מיר שטייען פאר דער כותל,
די גאנצע מענטשהייט שטייט פאר א וואנט;
עס גייט שוין איצט אין דער גארער וועלט,
נישט נאר בלויז אין אונזער יידיש לאנד.

קיין רגע די וועלט נישט עקסיסטירט,
געלעגן זי וואלט אין א מענטשס האנט;
ווער־און וואס אזוינס געוועזן גאט,
ווען פארשטיין אים מיט מענשלעך פארשטאנד?

* * *

צומאל, חלילה, אינגאנצן נישט זיין...
פאלט הארץ פאר אים אויף די קני אין געוויין.

ב.

„ויעשו כלם אגודה אחת... בלבב שלם...“
אן דעם קיין שלום, קיין גאולה שלימה נישט מעגלעך;
אן דעם איז אלצדינג וואס מיר טון, אפילו דאס גוטע,
די שנאה, די רציחה וואס גייט אן טאג־טעגלעך —

וויעטנאם, ישראל, ניגעריע, טשעכאסלאוואקיי,
אויף די מאזני־צדק יעדער נפש אפוועגלעך — —

„אף הוא ראה גלגולת אחת״, און זיך געטראכט:
איז דער „ואהבת לרעך״ ממש אוממעגלעך?

* * *

... דאך נאך גוט, אז דער מענטש קאן כאטש זיך דערלויבן,
דאס אוממעגלעכע צו האפן און צוגלויבן.

ג.

וויאזוי מ׳ברענגט שעפּעלע איבער טייך,
ס׳זאל נישט נאס ווערן? מ׳טראגט׳ס אויפן קאפּ;
מ׳גייט פּאמעלעך, געלאסן, אפּגעהיט,
אז ס׳זאל נישט געבן קיין שפּריץ קיין טראפּ.

אבער אז אינמיטן גיין, ראפּטים גאר,
עס לאזט זיך א גאס א רעגן אראפּ?
אזוי איז שוין ס׳מזל פון שעפּעלע,
פון הימל אליין גיט מען זיך דער מיט אפּ.

* * *

פון גרויס רחמנות גאטס אויג זיך פארטרערט,
און פון זיינס איין טרער א גאס רעגן ווערט.

## „אחת וששׁ״...

ווער געדענקט נאך פון דעם וואס געוועזן?
אפילו א ליד דערפון צו לעזן,
„כצוץ נובל״ — א פליין פארוועלקטע גרעזער.
עס פוילט זיך שוין א יידישער לעזער;

יידישער אמאל, ס׳יידישע שטעטל,
אן איינגעפאלן „פּה־נטמן״־ברעטל;
די אותיות וואס דערויף געשריבן,
אפּגעריבן, קיין זכר געבליבן.

פון די שעפּסן צו שחיטה געטריבן,
צווישן שעפּעלעך איבערגעבליבן,
א וואונדער צום אנטלויפן דאס דרענגען?
„אחת וששׁ״... חלילה ווייטער שפּרענגען?

זעקס מיליאן קדושים, קליין אזא קרבן?
איז דער מין מענטש אזוי שוין פארדארבן?
קייגן וואסער־מבול — דער רעגנבויגן!
בלויז פאר בלוט־מבול ר׳וועט אויך נאך טויגן?



## א תחינה

אנגעטוישט דאס גילדענע רענדל,
געבליבן גראשנדיקער רעשט;
אז וואס איז נאך אונזער יידישקייט,
צומאל ס׳שירהדיקע פון בעש״ט?

און ווען דער ניגון, צאנקנדיקער,
זיך איינגאנצן שוין איצט אויסלעשט?

געבליבן ס׳שטיקל ארץ־ישראל!
אז חלילה נאך דאך אוועק,
פונם גאנצן שארית־ישראל,
השם ישמרינו, אן עק.

רחום חנון, דערבארעמדיקער,
ווי ס׳הארץ פלאטערט, ציטערט — א שרעק.

## די לעצטע מלחמה

... זיכער יעדע מלחמה די לעצטע דאך,
דעם שלום פאר די מענטשן צו געווינען;
אבער ווי אונז, ווען די לעצטע וועט קומען,
קיין איין לעבעדיקער שוין נישט ענטרינען —

כמארעס־כוואלעס — חיהשע חיל־מחנות,
חלפים זייערע ציינער זיך שארפן,
פון זייער צארן־סלינען צו ענטרינען,
צאפלדיק בלוטיקס מען מוז זי צווארפן.

אמאל גענוג געווען א שעיר־לעזאזל,
יעצט א פרה־אדומה מען מוז האבן!
ס׳גענוגט נישט מער גאז־קאמער, קרעמאטאריע,
און מאסן־קברים לעבעדיק באגראבן.

די פינף ערד טיילן — אויפגעפראלטע פיסקעס!
געוואלטיקע תהומען גאנץ אויפצוברעכן!!
מען הערט שוין דאס בלוטיק־דורשטיקע גערערווע,
דאס מיילן ווייטע לויפנדיקע דעכן —

כמארעס כוואלעס — חיהשע חיל מחנות,
ס׳געביין פון זיי אליין צומאל נישט בלייבן;
זייערע נצחונות הויך אויסצולאכן,
פייפנדיק א שטורעם־ווינט זיך אויפהייבן.

## גאטס תּפילה פאר שנת תשכ״ט

אין ראד, ווי שווינדלדיק געשווינד,
הארא־קאראהאד אריינגעדרייט;
די ערד אונטער די פלינקע פיס,
וואקלט זיך, אבער ווייטער עס גייט.

אלץ גרעסער, ברייטער און ווייטער,
געראנגל־טאנץ זיך רינגלט און שפרייט;
יעדער שטעקן אין ראד געשטעקט,
גייט אויף א ברענענדיקער שייט.

„הבט מן השמים וראה״ — —
פון גרויס פרייד גאטס אויג טרער איבערגייט:
„זע, ראד אין ראד זיי דרייען זיך,
איינגעביסן אין צאן פון דער צייט.

„נישט מער ס׳בלוט רעדער צו שמירן —
אליין אצינד רעדל אין דער קייט!
זאל דאך גאנצער גלגל־ערד שוין,
זיך דרייען אין דער טרער פון מיין פרייד.

„ווי שווינדלדיק פארשייט, ס׳יאגט, ס׳לויפט —
געשיכטע־ראד שמונה־עשרה שטייט!
ס׳זאל נאר נישט צעבראכן ווערן,
איבעריאגן ס׳מעג מיין אייביקייט״.

י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### דער קאסמאפאליטישער ראש השנה

תורת משה האט אנגעגעבן אן אנהייב־פונקט פון אן אוניווערסאלער כראנאלאגיע, — „זה ספר תולדות אדם... ויחי אדם שלשים ומאת שנה ויולד בדמותו כצלמו״: דאס בוך איז די גענעלאגיע פון אדם, דער ערשטער קולטור מענטש, ווען אדם איז אלט געווען הונדערט דרייסיק יאר האט ער געבוירן א זון אין גלייכעניש, אזוי ווי זיין געשטאלט. (בראשית ה׳) די מעשה איז אבער, וואס אין ערגיץ, געפינט זיך ניט קיין שום אנווייזונג וועלכן סעזאן פון יאר, ווי אויך חדש און־טאג פון חדש אדם איז געבוירן געווארן, אז זיין געבורטסדאטע זאל קאנען זיין א ראש השנה פון דער איצטיקער קולטורעלער־מענטשהייט.

אזוי איז אויך מיט א שפעטערדיקע וועלטלעכע געשעעניש פארצייכענט אין תורת משה — „בשנת שש מאות לחיי נח בחדש השני בשבעה עשר יום



לחדש״: אין דעם זעקס הונדערטסטן יאר פון נח׳ס לעבן, אין צווייטן חדש, אין זיבעצענטן טאג פון חדש איז געקומען דער מבול. (בראשית ז׳) כאטש דא איז פארשריבן דער סדר־צאל פון חדש און דער טאג אין חדש, ווייסט מען ניט פון וועלכן סעזאן — צי די פארפלייצונג האט זיך אנגעהויבן דעם צווייטן חדש פון פרילינג, זומער, הערבסט אדער ווינטער? דער היסטארישער אויסגאנג־פונקט איז דעריבער ניט דייטלעכער פון גענעלאגישן, אז ער זאל באנוצט ווערן פאר אן אוניווערסאלן ראש השנה.

מערקווערדיק איז, וואס מען האט אפילו ניט קיין מסורה אדער פאלקלאר — מונדלעכע איבעליווערונג פון דור צו דור וועלכן סעזאן פון יאר די גענעלאגיע פון קולטורעלן מענטש האט זיך אנגעהויבן אדער אין וועלכן סעזאן דער מבול איז געקומען, אזוי למשל ווי עס איז פאראן אין פאלקלאר אז משה רבינו איז געבוירן געווארן און געשטארבן דעם זיבעטן טאג אין חדש אדר, דער לעצטער חדש פון ווינטער סעזאן. (קידושין ל״ח) אז עס געפינט זיך ניט קיין שום קבלה, וועגן דעם סעזאן אין יאר, פון די צוויי פריער נאטירטע אוניווערסאלע צייט־פונקטן, איז קלאר צו זען פון די ווייטער ציטירטע חילוקי דעות צווישן די חכמי התלמוד:

רבי אליעזר האט אנגענומען, אז — „זה ספר תולדות אדם״ — די גענעלאגיע פון איצטיקן מענטשנמין אדער די כראנאלאגיע פון קולטורמענטש האט זיך אנגעהויבן אין חדש תשרי, דער ערשטער חדש פון הערבסט סאזאן, דעריבער איז, לויט אים, דער „בחדש השני״ פון מבול געווען מרחשון, דער צווייטער חדש פון הערבסט. און רבי יהושע האט אנגענומען, אז — „זה ספר תולדות אדם״ — די גענעלאגיע פון איצטיקן מענטשנמין אדער די כראנאלאגיע פון קולטור מענטש האט זיך אנגעהויבן אין ניסן, דער ערשטער חדש פון פרילינג סעזאן, דעריבער איז, לויט אים, דער „בחדש השני״ פון מבול געווען אייר, דער צווייטרע חדש פון פרילינג סעזאן.

אמת, תורת משה האט באפוילן די בני ישראל, זיי זאלן ציילן די חדשים פון ערשטן פרילינג חדש. — „החדש הזה לכם ראש חדשים ראשון הוא לחדשי השנה״: דער חדש זאל אייך זיין דער אנהייב פון חדשים ציילן, ער איז דער ערשטער פון די חדשים אין אייער קאלענדאר יאר. (שמות י״ב) און פיר הונדערט אכציק יאר, ביז שלמה המלך האט אנגעהויבן בויען דעם בית המקדש, האבן די בני ישראל געציילט דאס יאר פון אנפאנג פרילינג. (מלכים א. ו׳) אבער די היסטארישע געשעעניש צו באשטימען, אז אין ערשטן חדש פון פרילינג זאל זיין ראש השנה, איז געווען א נאציאנאלע, ווייל די בני ישראל זענען אין ערשטן חדש פון פרילינג געווארן אויסגעלייזט פון מצרים, ניט אן אוניווערסאלע, ניט וועגן אנהייב פון קולטור־מענטשס גענעלאגיע אדער פון מבול.

ווי עס ווייזט זיך ארויס פון א משנה איז טאקע דער ערשטער חדש פון פרילינג—ניסן—געבליבן דער נאציאנאלער און רעליגיעזער אנהייב יאר פון פאלק ישראל. די משנה דערקלערט — „ארבעה ראשי שנים הם״: אין יידישן

קאלענדאר יאר זענען פאראן פיר ראשי שנים, דער ערשטער טאג אין חדש ניסן איז — „ראש השנה למלכים ולרגלים״: אנהייב יאר פאר יידישע מלכים און ימים טובים, דער ערשטער טאג אין חדש אלול איז — „ראש השנה למעשר בהמה״: אנהייב יאר פאר געבן מעשר פון בהמות, דער ערשטער טאג אין חדש תשרי איז — „ראש השנה לשנים, לשמיטין וליובלות״: אנהייב יאר פאר ניט יידישע מלכים, ווי אויך פאר לאנד ווירטשאפטלעכע יאר — צאלן און דער ערשטער אדער פופצענטער טאג אין חדש שבט איז — „ראש השנה לאילן״: פאר ערלה און מעשר פון פירות. (ראש השנה פ״א מ״א)

אבער אחוץ דעם, וואס פון דער משנה זעט מען אז דער ערשטער טאג אין חדש ניסן איז דער נאציאנאלער און רעליגיעזער ראש השנה — אנהייב יאר פאר יידישע מלכים און ימים טובים, זאגט די משנה אויך, אז דער ערשטער טאג אין חדש תשרי איז א וועלטלעכער ראש השנה — אנהייב יאר פאר ניט־יידישע מלכים און פאר לאנדווירטשאפט. די פראגע איז דעריבער — ווען דער ערשטער טאג אין חדש תשרי, דער וועלטלעכער ראש השנה פון דער משנה איז באשטימט געווארן צו זיין דער פראמינענטער ראש השנה פון יידישן פאלק?

רב יוסף אלבו, אין ספר העיקרים, באהויפטעט — ווייל די צוריק קערנדיקע פון גלות בבל זענען אנגעקומען קיין ירושלים אין אנהייב פון זיבעטן חדש — תשרי, האבן זיי אפגעשאפט דעם טראדיציאנעלן ראש השנה פון חדש ניסן, וואס איז געווען צום אנדענקן פון יציאת מצרים, און איינגעפירט צו פייערן ראש השנה דעם ערשטן טאג אין חדש תשרי צום אנדענקן פון יציאת בבל. (עזרא ג׳, ספר העיקרים מאמר ג׳ פט״ז) אבער אויף דעם אויספיר פון רב יוסף אלבו איז ניט פאראן דער מינדסטער רמז אין עזרא אדער נחמיה, עס ווערט נאר געזאגט, אז מען האט מקריב געווען קרבנות און פארגעליינט קאפיטלעך פון תורת משה — אזוי ווי תורת משה האט באפוילן. (נחמיה ח׳), ויקרא כ״ג)

אויסער דעם איז דער אויספיר פון רב יוסף אלבו אין סתירה מיט א מאמר אין דער גמרא, די גמרא זאגט — „ואנן השתא מתשרי מנינן. . . למלכי יונים מנינן״: וואס מיר ציילן איצט אונזער יאר פון חדש תשרי, איז עס, לויטן קאלענדאר פון גריכישע מלכים. (עבודה זרה י׳) און ווי די אלטע יידישע היסטאריקער האבן אנגעוויזן האט דאס יידישע פאלק ערשט אנגענומען דעם גריכישן קאלענדאר בעת דער מוקדונישער אינוואזיע. כדי צו איבערבעטן אלכסנדר מוקדון, פאר ניט לאזן אים אריינגיין אין קדשי הקדשים, האט שמעון הצדיק אים צוגעזאגט אנצונעמען דעם גריכישן צייט רעכענונג מיט דעם אנהייב־פונקט פון זיין קרייניגס טאג, וואס זאל האבן געווען דער ערשטער טאג פון העברבסט חדש, דער ערשטער טאג אין תשרי. (ספר הקבהל להראב״ד, ספר יוחסין מאמר־א. 12, בראשית רבה פ״ס א׳־ו׳)

עס איז דעריבער קיין ספק ניט אז ערשט אין דער גריכישער עפאכע האט מען אנגעהויבן צו ציילן דאס יאר פון ערשטן טאג אין חדש תשרי, ניט



אין דער פערסישער, ניט ווען די יידן זענען צוריק געקומען קיין ירושלים פון גלות בבל. די פארענדערונג פון ניסנדיקן קאלענדאר יאר אויפן תשרידיקן האט אנגעהאלטן אין ארץ ישראל ארום הונדערט אכציק יאר, — נאכן נצחון איבער די יונים האבן די חשמונאים ווידער איינגעפירט דעם טראדיציאנעלן קאלענדאר יאר פון ערשטן טאג אין ניסן. (ראש השנה י״ח און מפרשים) אבער בלויז אין ארץ ישראל האבן די יידן אנגענומען צו ציילן דאס יאר פון חדש ניסן, ניט אין די גלות לענדער, ווי די גמרא זאגט — „בגולה אין מונין אלא למלכי יונים בלבד״: דער גלות האט ניט קיין אנדערן יאר רעכענונג נאר פון יונישע מלכים. (עבודה זרה י׳)

פאראדאקסאל איז, וואס די גריכן האבן בענוצט זייער הערבסטדיקן קאלענדאר יאר בלויז א קורצע צייט, ביז רוים האט פארכאפט זייער אימפעריע, און ביים יידישן פאלק איז דער מנין יונים אדער „חשבון השטרות״, ווי ער ווערט אנגערופן אין דער רבנישער ליטעראטור, געבליבן פארהייליקט איבער אכצן הונדערט יאר — פון דריי הונדערט יאר פאר דער קריסטלעכער צייט רעכענונג ביזן זעכצענטן יאר הונדערט. אין צענטן יאר הונדערט האט רב שרירא גאון באפוילן אומצובייטן דעם „מנין למלכי יונים״ אויפן „חשבון לבריאת העולם״ פאר די שטרות וואס מען האט געשריבן אין די ישיבות פון בבל. אבער ערשט פינף מיט א האלבן יאר הונדערט שפעטער איז די תקנה געווארן אנגענומען, ווען רב דוד בן זכאי — הרדב״ז — האט פארבאטן צו געברויכן אין וועלכע עס זאל ניט זיין אפיציעלע דאקומענטן דעם „מנין היונים״ אדער „חשבון השטרות״. (תולדות הפוסקים אות ד׳־הרדב״ז)

אבער דער ערשטער טאג אין זיבעטן חדש איז שוין געווען א יום טוב פון קרבנות ברענגען ביים פאלק ישראל זינט יציאת מצרים, ווייל אין זיבעטן חדש האט פרעה באפרייט די בני ישראל פון שעבוד — פון שקלאפן ארבעט. (ויקרא כ״ג, ראש השנה י״א) דעריבער, נאכן חורבן פון צווייטן בית המקדש, ווען עס זענען פארפאסט געווארן תפלות אנשטאט קרבנות, האט מען אויך פארפאסט ספעציעלע תפלות פאר דעם טאג. אזוי ווי אין דעם טאג האבן די בני ישראל אויפגעהערט צו זיין קנעכט פון פרעה און געקומען אונטער דער הערשאפט פון אלמעכטיקן, האט דער פארפאסער פון פסוקים אין תנ״ך, וו עס ווערט געזאגט אז דער אלמעכטיקער איז א מלך, געשאפן א תפלה און איר אנגערופן „מלכיות״, אזוי האט ער אויך פון פסוקים אין תנ״ך, וו עס ווערט דערמאנט אלטע געשעענישן, געשאפן א צווייטע תפלה און איר אנגערופן „זכרונות״, ווייל אין תורת משה געפינט זיך אז עס איז א טאג פון „זכרון תרועה״: אנדענקן פון שאלונג בעת דער באפרייאונג פון שעבוד מצרים, (ויקרא כ״ג) און צו דער דעמאנסטראציע פון דער שאלונג גופא, האט ער פון פסוקים אין תנ״ך, וו עס געפינט זיך „שופר״, געשאפן א תפלה און איר אנגערופן „שופרות״.

די גמרא זאגט, אז רבי יהודה האט אין נאמען פון רבי עקיבא דערקלערט דעם באטייט פון די דריי תפלות אזוי — „מלכיות״: דער אלמעכטיקער זאל

קיניגן איבער אונז, „זכרונות״: ער זאל אונז געדענקן צום גוטן און „שופרות״: אונז אויסלייזן פון גלות מיט דער שאלונג פון שופר, אזוי ווי ער האט אונז אמאלט באפרייט פון שעבוד מצרים. (ראש השנה ט״ז, מוסף לראש השנה) רבי יהודה האט אויך געוואלט אריינגעבן אין ערשטן טאג פון חדש תשרי די אידיי פון א יום הדין, אפשר ווייל ער האט נוטה געווען צו דער מיינונג פון רבי אליעזר אז אין הערבסט חדש האט זיך אנגעהויבן די גענעלאגיע פון ערשטן קולטור מענטש, אבער זיינע חברים האבן אים אפגעפרעגט. (ראש השנה ט״ז)

ווען רב איז, ארום הונדערט פופציק יאר נאכן צווייטן חורבן, געקומען קיין בבל האט ער דארט אנגעטראפן אן איינגעפירטן תשרידיקן ראש השנה, מיט א טראדיציע פון פיר און א האלבן יאר הונדערט — זינט דעם ערשטן יונישן מלך. און דערצו נאך ספעציעלע תפלות „מלכיות, זכרונות, שופרות — וואס די חכמים פון ארץ ישראל האבן ארום הונדערט יאר פאר זיין צייט מתקן געווען צו זאגן אין דעם טאג. צוריק אומבייטן דעם תשרידיקן ראש השנה אויפן ניסנדיקן איז ער ניט געווען ביכולת, ווייל דער ערשטער טאג אין חדש תשרי שוין צו לאנג געווען פארהייליקט ביים גלות יידנטום און דער ראש השנה פון ערשטן טאג אין חדש ניסן שוין צו לאנג פארגעסן, האט ער לעגאליזירט דעם תשרידיקן ראש השנה מיט אומבייטן דעם אנהייב־פונקט: אנשטאט די קריינונג פון די יונישע מלכים האט ער דעם ראש השנה פון חדש תשרי פארבינדן מיט די דערשיינונג פון ערשטן קולטור מענטש.

רב האט אנגענומען, די פריער שוין ציטירטע מיינונג פון רבי אליעזר, אז די כראנאלאגיע פון ערשטן קולטור מענטש האט זיך אנגעהויבן דעם ערשטן טאג אין חדש תשרי, אבער ער האט, ווי מען וועט ווייטער זען, בכיוון זיך אפגעשטעלט אויף דער קולטורעלער מאניפעסטאציע, אז דעם ערשטן טאג אין חדש תשרי האט אדם הראשון געזינדיקט, איז געמשפט געווארן און באפרייט געווארן. דעריבער — האט רב באשלאסן — איז דער טאג פאסיק צו זיין א יערלעכער יום הדין פאר אלע קינדער פון דעם ערשטן קולטור מענטש, אזוי האט רב מיט דער אומבייטונג פון אנהייב־פונקט פארוואנדעלט דעם ראש השנה פון ערשטן טאג אין חדש תשרי אין א קאסמאפאליטישן יום הדין. (ויקרא רבה פכ״ט)

און כדי דער געדאנק זאל אנגענומען ווערן פון די בעלי הלכה, האט רב באוויזן אין א משנה אז די אידיי פון א קאסמאפאליטישן יום הדין קומט פון א קאפיטל אין תהלים, וו די וועלט באשאפונג איז באשריבן. די משנה דערקלערט — „פיר מאל אין יאר ווערט די וועלט געמשפט, אין פסח וועגן תבואה, אין שבועות וועגן פרוכטן, אין סוכות וועגן וואסער און אין ראש השנה גייען פארביי דעם אלמעכטיקן אלע, אויף דער וועלט געקומענע, ווי שאף אדער זעלנער צו ווערן אינספעקטירט״. אזוי ווי דער תהלים פאעט זאגט — „פון הימל קוקט דער אלמעכטיקער, ער זעט אלע מענטשנקינדער; פון זיין הויכקייט באַטראכט ער אלע ערד באוווינער, ער, וואס פארעמט־אויס גלייך זייערע הערצער, פארשטייט דעם אויסקום פון אל זייערע מעשים״. (ירושלמי ראש השנה פ״א



ה״ג, משנה ראש השנה פ״א מ״ב)

ניט אלע חכמי המשנה האבן מסכים געווען מיט דער מיינונג פון רב אז דער ערשטער טאג אין חדש תשרי איז באשטימט געווארן צו זיין דער קאסמאפאליטישער יום הדין. רבי מאיר האלט — אז דער משפט קומט פאר און דער פסק דין ווערט ארויסגעגעבן אויף אלעס אין ראש השנה. רבי יהודה, ווידער, האלט — אז דער משפט אויף אלעס קומט פאר אין ראש השנה און דער פסק דין אויף אלעם ווערט ארויסגעגעבן אין יום כפור. און רבי יוסי האלט — אז דער משפט אויף אלעס קומט פאר און דער פסק דין ווערט ארויסגעגעבן יעדן טאג. אבער רב האלט — אז כאטש אלעס ווערט געמשפט אין ראש השנה ווערט דער פסק דין נאר אויף די מענטשנקינדער ארויסגעגעבן אין ראש השנה, די איבעריקע האבן אנדערע סעזאנען אין יאר ארויס צו געבן אויף זיי דעם פסק דין. ווי די משנה זאגט — אן פסח אויף תבואה, אין שבועות אויף פרוכטן, אין סוכות אויף וואסער און אויף די מענטשנקינדער אין ראש השנה.

רב האט געהאט די אויטאריטעט אריינצוברענגען די אידיי אין יידישן וועלט באנעם, ווייל „רב תנא הוא ופליג״: רב איז איינער פון די בעלי משנה האט ער א רעכט אפצווענדן די חכמי התלמוד פון דער משנה. דאס יידישע פאלק האט אומעטום אנגענומען די אידיי פון רב, צו באטראכטן דעם ערשטן טאג אין חדש תשרי פאר א קאסמאפאליטישן יום הדין, אזוי ארום איז דער תשרידיקער ראש השנה, וואס לכתחילה איז ער געווען א פרעמדער — א יונישער, געווארן דער פראמינענטער ראש השנה ביים יידישן פאלק. די חדשים און ימים טובים ווערן נאך ווייטער געציילט און באשטימט לויט דעם ניסנדיקן, אבער פאר כראנאלאגישע בארעכענונגען און פאר א קאסמאפאליטישן יום הדין איז דער ערשטער טאג אין חדש תשרי — ראש השנה.

אזוי ווי רב האט דאס באטאנט מיט זיין בייגעבן, צו דער תפלה „אתה זוכר מעשה עולם״ — „זכרונות״ — די ווייטער ציטירטע הוספה וועגן דער אידיי פון ראש השנה און קאסמאפאליטישן יום הדין. — „זה היום תחלת מעשיך זכרון ליום ראשון״: מיר פייערן דעם טאג, צום אנדענקן פון ערשטן טאג, ווען דיין ווערק האט זיך אנגעהויבן. עס איז א געזעץ ביים פאלק ישראל אז דער טאג זאל זיין א טאג פון משפט צום אלמעכטיקן פון יעקב. „ועל המדינות בו יאמר איזו לחרב ואיזו לשלום, איזו לרעב ואיזו לשבע״: אויפ די מדינות ווערט אין דעם טאג ארויסגעגעבן דער פסק דין וועלכע זאל אומקומען פון שווערד און וועלכע זאל האבן שלום, וועלכע זאל אומקומען פון הונגער און וועלכע זאל האבן זעטיקייט. „ובריות בו יפקדו להזכירם לחיים ולמות״: אן די באשעפענישן ווערן אינספעקטירט צו ווערן פארצייכענט צום טויט אדער צום לעבן. (מוסף לראש השנה, ירוש. ראש השנה פ״א־ה׳)

---

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאָמענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

## יוסף לעפּטוויטש

### דער וועג קיין נינוה

איך בין אויך גאט׳ס שליח,
ווי קליין איך זאל ניט זיין.
איך חזר איבער זיין ווארט,
טאג אויס, טאג איין.

פון אלטן כוס,
טרינק איך אלטן ווייך.
אבער די צונג וואס רעדט,
די צונג איז מיין.

מיין צונג האט געזאגט
וואס גאט האט געבאטן.
נאר אונטער דער לאסט
בין איך געווארן צעטראטן.

גאטס ווארט איז געווען
צו שווער פאר מיין כּוח.
אבער גאט האט פון מיר
אויך געמאכט געבורייך.

איך ריר זיך לאנגזאם,
אונטער דער לאסט.
אבער ווי א שיף גיי איך,
וואס האט א שטארקן מאסט.

איך פיר מיט זיך אוצרות.
גאלד און אייזן.
און דעם וועג קיין נינוה
וועט גאט מיר ווייזן.

## יוסף ד. באסט

### דער פארשאלטענער איוב (דערציילונג)

—דער עיקר אונטערשיד צווישן מיין איוב און דעם תנכישן איז באשטאנען אין דעם — האט אנגעפאנגען דער דערציילער — וואס מיינער איז געווען גאטס דינער און יענער גאט קנעכט. דעריבער איז דער תנכישער איוב געווארן געבענטשט און מיינער פארשאלטן.

דער דערציילער איז געווען א מאן פון 50 יאר, א גרויער מיט א דאר געזיכט. דאס איז געווען א באפרייטער פאציענט פונעם אנשטאלט פאר גייסטיק קראנקע אונטער מיין אנפירונג, אין וועלכן ער האט פארברענגט קרוב א יאר. געשטאמט האט ער פון פוילן, וו ער האט אין א שטעטל אויף מערב פון ווארשע געהאט א געוועלב. אין אנפאנג מלחמה איז ער ארויס פון שטוב און זיך געווענדט אויף מזרח מיטן ציל צו דונגען א ווינונג אין דער אומעגנט פון לובלין און דארט אריבערפירן זיין משפחה כדי דארט איבערצוווארטן דעם קריג. זיין וועג האט אים אבער אוועקגעפירט ווייטער ווי קיין לובלין, היינו: קיין סיביר. און ווען ער האט זיך אין 1946 צוריקגעקערט קיין פוילן, האט ער פון זיינע אייגענע ניט געפונען שוין קיין שפור.

ער האט דאן, אין עלטער פון 36 יאר, אנגעהויבן א לעבן פון דאס ניי: חתונה געהאט און אין 1948 געקומען קיין ישראל. דא זענען אים געבוירן געווארן אנדערע קינדער, ער האט געעפנט א געוועלב און געלעבט פיל בעסער ווי אין געוועזענעם שיטף־פאטערלאנד.

זיי טראגעדיע האט זיך אנגעהויבן אומגעריכט. ער האט אנגעהויבן, ניט



צו וויסן פאר וואס איצט דווקא, נאך אזוי פיל יארן, בענקען נאך זיין אמאליקער פאמיליע, איז אריינגעפאלן און א צושטאנד פון דעפּרעסיע און לסוף אנגעקומען און אונדזער אנשטאלט.

מען האט אים אפט געזען א וויינענדיקן. די סיבה פון געוויין האט ער פארענטווערט מיט כלומרשט אומדערטרעגליכע ווייטיקן און פארשידענע טיילן פון קערפער. נאך עטליכע וואכן האט ער ערשט אנטפלעקט פאר מיר די אמתע סיבה פון זיין טרויער און אנגעהויבן צו באקומען פארמאקאלאגישע מיטלען צו שטארקן זיין נערוון־צושטאנד. אויסער דעם האט ער אנטייל גענומען און דער פסיכאאנאליטישער גרופן־באהאנדלונג פון אונדזערע קראנקע, איך האב אויך דורכגעפירט מיט אים א קורס פון אינדיווידועלע געשפרעכן. און פארלויף פון אט די געשפרעכן האט זיך פאר מיר באוויזן גאר א באזונדערע זייט פון זיין פערזענליכקייט.

אט דער סוחר, וועלכער, ווי ס׳האט זיך געקאנט דאכטן, איז איינגעטונקען ביז איבערן קאפּ אין עולם־הזהדיקע ענינים, האט זיין אומגליק באטראכט, ווי ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, פון אן אל־געמיינעם פילאזאפישן שטאנדפונקט. ס׳האט אים געמאטערט דער געדאנק, אז אין זיין (און ניט נאר זיין) ביז־איצטיקן גײעג נאך געגוס־און די לוסט־רייזעס קיין אויסלאנד, און דאס פארברענגען אין לוקסוס־פענסיאנען א.א.וו. — שטעקט א דערנידערונג: אן אויפנעם פון דעם גורלס „אנטשעדיקונג“ פארן שוידערלוכן אומקום פון די ליבסטע . . .

דאך, ניט געקוקט אויף זיין מרה־שחורה, האט זיך זיין צושטאנד מיט דער צייט פארבעסערט. ער האט אנגעהויבן לייענען די פרעסע, זיך אינטערעסירט מיטן געשעפט וואס זיין פרוי האט געפירט אין זיין אפוועזנהייט, מיט איין ווארט: געפירט זיך נארמאל. דעריבער, ווען ער האט געבעטן אורלויב אויף צוויי וואכן צו פארן אהיים, האב איך זיין בקשה דערפילט. אז דאס איז פון זיין זייט נאר געווען א דעמאנסטראציע פון אפגעפונענעם גייסטיקן גלייכגעוויכט, א מאנעוור פון א דעפּרעסיוון קראנקן, דאס האב איך לײדער פארשטאנען ערשט שפעטער, צו שפעט . . .

ער האט זיך אומגעקערט אין שפיטאל ווי מאראליש אפגעפרישט, ווי אויפגעלעבט. איך האב באשלאסן אים אויסשרייבן פון שפיטאל אן אויסגעהיילטן. און גערעדע דאן, ווען איך האב זיך שוין אויף דעם געהאט דעצידירט, האט מיר שלמה, דער עלטערער וועכטער, אריינגעברענגט אין קאבינעט א שאכטעלע סם וואס ער האט געפונען ביים פאציענט. דער לעצטער האט אבער די זאך פארענטווערט גאנץ איבערצייגענד: ער האט ווירקליך פארן אנקומען אין אונדזער שפיטאל ארומגעטראגן זיך מיטן געדאנק צו באגיין זעלבסטמארד. בעתן אורלויב האט ער אין שופלאד געפונען דאס שאכטעלע און עס מעכאניש אריינגערוקט און טאש. דערנאך האט ער פשוט פארגעסן עס ארויסווארפן.

דער דאזיקער עפּיזאד האט פארלענגערט זיין פארברענגען ביי אונדז

מיט א חודש. דורך דער צייט איז ער געווען אינטענסיוו אבסערווירט. ער האט זיך אבער אויפגעפירט אין גאנצן נארמאל און איך האב ענדליך באפוילן אים צו באפרייען. פארן פארלאזן דאס שפיטאל האט ער זיך מיר אנפארטרויט, אז ער האט געשאפן, א נייע געשיכטע וועגן איובן", וועלכע ער וויל מיר דערציילן. „איך פיל", האט ער געזאגט, „אז דאס וועט זיין די פארפולקאמונג פון מיין היילונג". און אט איז ער געזיצן אנקעגן מיר אין קאבינעט, גרייט צום אפפאר, אין א צעשפילעטן מאנטל, מיט א וואליזקע ביים פוס, און דערציילט זיין אפאקריף:

— דער אנפאנג פון מיין געשיכטע אונטעשיידט זיך ניט פון דעם וואס מיר לייענען אין תנך. ווען דער שטן האט זיך געוועט מיט גאט, אז ער וועט דעם פרומען איובן דערפירן צו חילול־השם און אים צו דעם צוועק צוגערויבט זיין פארמעגן זיינע קינדער און זיין געזונט, האט זיך דער צדיק אפגעהאלטן פון מרידה. ער אין קעגנזאץ צו דעם תנכישן איוב, האט אפילו, ניט געפרעגט פארוואס ער ליידט, ווייל ער האט אויף אט דער פראגע געהאט א גרייטן ענטווער.

ווי איר ווייסט, איז אין תנך דערמאנט איובס ווייב, די איינציקע איבערגעבליבענע פון זיין פאמיליע. ביי מיר איז און דער געשטאלט פון איובס ווייב (וועלכע איז אומגעקומען צוזאמען מיט זיינע קינדער) פארבארגן דער שטן. ווען דאס „ווייב" העצט איובן קעגן גאט, גוט ער איר צו פארשטיין:

— ס׳איז אוממעגליך, אז מיינע ליידן זאלן זיין א שטראף פון גאט, ווייל איך האב אזא שטראף זיכער ניט פארדינט. ס׳האט מיך פשוט געטראפן אן אומגליק, איינס פון יענע אומגליקן, וועלכע אין געלויף פון געשעענישן אין אונדזער גרויסער וועלט, טרעפן צומאל, אן גאטס ווילן, מיט גאנצע פעלקער אדער ענצלנע מענטשן.

— אן גאטס ווילן? דאס קלינגט עפעס מאדנע אין די רייד פון גאטספארכטיקן קנעכט איוב...

— איך בין ניט גאטס קנעכט, איך בין גאטס דינער. די מורא פון א קנעכט פארן האר קאן זיין אזוי גרויס צו דערגיין אזש ביז ליבע. אבער די ליבע פון א געטרייען דינער וואלט נאר געקאנט געמינערט ווערן דורך שרעק. איך האב ליב גאט ניט פון שרעק, איך האב אים ליב פון ליבשאפט. איך האב איך געליבט און דער צייט פון מיין ווילזיין און ליב אים נאך פיל מער אין מיינע יסורים.

— נו גוט — זאגט איובס „ווייב", דער שטן. — דו ווייסט דאך אבער ניט פארניינען, אז גאט, ווען ער זאל נאר וועלן, קאן אין איין רגע איבעררייסן דיינע שמערצן, אויב אפילו ניט ער האט זיי גורם געווען. און דו זעסט דאך, אז ער טוט דאס ניט.

— ניין — זאגט איוב — ער קאן דאס איצט ניט טאן. איך בין זיכער, אז ער וועט איינשטילן מיינע ווייטיקן, מיך אויפהויבן פון מיין דערנידערונג, דערצו אבער מוז ער האבן צייט.



— נו, דאס איז שוין אפשר יא חילול־השם: זאגן אז גאט קאן עפעס ניט טאן. איך זאג „אפשר" נאר דערפאר, ווייל חילול־השם קאן זיך דאך ניט פארן מיט אזא ליידנשאפטליכע ליבע צו גאט ווי דיינע.

— כ׳האב ניט געזאגט, אז ער קאן ניט איבער־רייסן מיינע יסורים, כ׳האב געזאגט אז ער קאן דאס ניט טאן אין דער רגע, אז ער מוז האבן צייט אויסצופילן זיין ווילן. דאס איז טאקע דער אונטערשיד צווישן דער ליבע פון א קנעכט און דער ליבע פון א דינער: די ערשטע איז א ליבע אן פארשטאנד. יעדער טאט מוז דויערן, אויך די טאטן פון גאט. זאגן אז גאט קאן אפטאן אלץ אומאבהענגיק פון צייט איז פונקט אזא נארישקייט, ווי זאגן אז ער קאן באשאפן א 7־יעריקן קעמל.

איובס „ווייב" האט אבער ניט אויפגעהערט צו לויערן נאך זיינס א מינוט פון שוואכקייט, כדי גורם צו זיין ער זאל ווידערשפעניקן גאט.

— דו ליידסט אזוי אכזריותדיק — האט „זי" געזאגט, — און דו וואלסט דאך געקאנט געפונען א באלדיקע אויסלייזונג פון דיין פיין. פארשעלט גאט און שטארב, און פארגעס אן דיין יסורימדיקער ליבע צו אים און אן זיך אליין. צי גלויבסטו דען, אז עס איז מעגלעך אזא גלוק, פאר וועלכן ס׳וואלט זיך געלוינט צו ליידן אזוי, ווי דו ליידסט?

— ניין — האט ער געענטווערט. — ניטא קיין פרייז צו באצאלן פאר ליידן. ס׳קאנען העכסטנס געמילדערט ווערן זייערע ערינערונגען. דאס אפגעליטענע אבער איז אוועק, אוועק אין דער אייביקייט און אפילו גאט קאן עס ניט אומקערן כדי עס צו פארווישן. באלוינט ווערן פאר ליידן? אך, וואס פארא דערנידערונג, ווען דאס וואלט גאר מעגלעך געווען. ניין, איך קאן ניט פארשעלטן גאט, ווייל איך גלויב אין זיין אומשולדיקייט. איך טאר איצט ניט שטארבן פון אייגענעם ווילן. איך מוז איבערטראגן מיינע יסורים און אויסנוצן זיי צו לייטערן מיין נשמה.

— און צו וואס זאלסטו זי לייטערן? צי וועט זי דען ניט אומקומען צוזאמען מיט דיין גוף?

— ס׳וואלט שווער געווען צו לעבן אפילו אין גליק — האט ער געענטפערט — אן דעם גלויבן אין דער אומשטערבליכקייט פון דער נשמה.

— האסט א טעות — זאגט דער שטן. — מען גלויבט אין דער אומשטערבלוכקייט פון דער נשמה, ניט ווייל מען וויל זי זאל ווייטער לעבן, נאר ווייל מען באגערט א המשך פון אייגענעם לעבן און אן אנדער געשטאלט.

— דאס איז דאך איינס און דאס זעלבע: מיין נשמה דאס בין איך.

— ניט אמת. דו ביסט ניט דיין נשמה, דו ביזט דיין זכרון. פאר דיר, דעם איצטיקן איוב, איז אלץ איינס, צי וועט דיין נשמה אפשטארבן אדער לעבן און אן אנדער געשטאלט. דו וועסט סיי ווי סיי וועגן דעם ניט וויסן, פונקט ווי דו ווייסט גארניט וועגן דיינע פריערקע גלגולים.

— האסט מיך איבערצייגט — זאגט איוב. — איוב אבער די אומשטערבליכקייט פון מיין נשמה (אלזא איר פארפולקאמונג אין די לעבנס פון אירע גל־

גולים) האט פאר מיר ניט קיין באדייטונג, איז זי אבער וויכטיק פאר גאט. און דעריבער איז זי וויכטיק אויך פאר מיר, גאטס דינער.

אט צווישן אזעלכע ויכוחים, געפירטע צווישן איובס זיפצן און אויסשרייען פון קוים דערטרעגליכע ווייטיקן, איז געפלאסן די צייט, ביז דער שטן האט אנערקענט, אז איובס ליבע צו גאט קאן ניט געבראכן ווערן. ער האט מודה געווען, אז ער האט פארשפילט דעם געוועט און גאט האט אין א קורצער צייט אויס־געהיילט איובס ווונדן. ער האט אים אויך שנעל צוריק רייך געמאכט און אים אומגעקערט דעם כבוד מצד זיינע שכנים, וועלכע האבן אים גע־האסט און פאראכטעט אין דער צייט פון זיין אומגליק. דאמאלט האט זיך דער שטן ענטפלעקט פאר איובן.

— איך — האט ער געזאגט — די אלטע, פארוועלקט פרוי, בין ניט דיין ווייב. איך בין דער שטן וועלכער האט אויסגענוצט דאס געשטאלט פון דיין פארשטארבענער פרוי, כדי דיך צו העצן קעגן גאט, אבער אן דערפאלג. גאט און ניט איך, האט געוווינען דעם געוועט. ער האט דיך אויסגעפרווט און דו האסט דעם פרווו־אויסגעהאלטן. נעם זשע איצט דעם חלף, קלויב אויס א שעפס, גיי אויפן מזבח־בארג און ברענג פאר גאט א קרבן. און ווען דו וועסט זיך אומקערן אין געצעלט, וועסטו דא געפונען דיין כלה, א יונגע פראכטפולע פרוי; זי וועט דיר געבוירן נייע צען קינדער. שטיי אויף דו אויס־דערוויילטער, באליבטער פון גאט! נעם די לוין פאר דיין טרייהייט!

איוב איז געזיצן א פארשטיינערטער. „געוועט"... האט ער געמורמלט, „אויספרווווינג... לוין... ער האט אראפגעלאזט דעם קאפ אין טיפער פאר־קלערונג און ניט געזען ווי אין די אויגן פון דער אלטער פרוי — דעם שטן — האבן אויפגעלויכטן פונקען און א שמייכל האט אויסגעקרומט אירע פאר־וועלקטע ליפן. ווען ער האט אויפגעהויבן דעם קאפ, איז ער געווען איינער אליין אין געצעלט.

ער איז אויפגעשטאנען, גענומען דעם חלף און אוועק אויפן מזבח־בארג. ער האט אויפגעהויבן דעם בלוק צום לויטערן הימל און געזאגט:

— פארלייקנט זאל ווערן די טרייהייט און אפגעווענדט איר לוין. מיין ליבע צו דיר, גאט האט מיך גענארט און דאס לעבן האט אנגעווירן זיין זין. הייליק זענען געווען מיינע ליידן, די לוין קאן זייער הייליקייט פארשוועכן. ווען ווערעם האבן געגעסן מיין לייב און איך האב געזוכט אן אייזן צו רייבן מיינע בייסיקע ווינד און אייטער געמישט מיט בלוט און גערינען פון זיי און איך האב געוויינט, — האב איך געוויינט פון רחמנות איבער דיר, וואס דו מוזט צוזען די יסורים פון דיין באליבטן דינער איוב. אבער דו האסט מיך נאר אויסגעפרווט. אין פיין האב איך פאר דיר געלייטערט מיין נשמה. אבער דו האסט זיך נאר מיט דיין שונא געהאט געוועט איבער מיר. און איצט דארף איך דיר ברענגען א קרבן. טא אט איז מיין קרבן.

**ער האט טיף אריינגעשניטן דעם חלף אין זיין האלדז און איז געפאלן א טויטער אויף דער ערד.**



דער דערציילער האט געענדיקט. ער איז אויפגעשטאנען, פארשפילעט דעם מאנטל, האט אנגענומען די וואליזקע מיט דער לינקער האנד און די רעכטע אויסגעצויגן צו מיר. איך האב זי מעכאניש א דרוק געטאן און, פארטראכט איבער זיין געשיכטע, כמעט ניט באמערקט ווי ער איז ארויס פון קאבינעט.

איך בין געבליבן זיצן ביים שרייבטיש, נאכפאלגנדיג און מיין דמיון די לעצטע סצענעס פון דער דערציילונג: איובס לעצטן געשפרעך מיטן שטן, זיין ענטוישונג, זיין איינזאמען וואנדערן אויפן מזבח־בארג, זיין לעצטן רוף צו גאט, זיין קרבן...

און פלוצלונג! פלוצלונג האט א שרעקליכער געדאנק אויפגעבליצט אין מיין מוח. איך בין אויפגעשפרונגען, א קלונג געטאן און האב באלד דערהערט האסטיקע טריט צו מיין קאבינעט. שלמה איז אריינגעקומען.

— שנעל! — האב איך אויסגעשריען. — יאגט אים נאך! איך בין זיכער, אז ער האלט ביי זיך א מעסער. שנעל לויפט — נאך נאך אים! דאס מעסער! נעמט צו פון אים דאס מעסער!!

א פלאם האט א זעץ געטאן אין פנים פונעם וועכטער. ער האט זיך אויס־געדרייט און איז ארויסגעלאפן. כ'האב דורכן פענצטער געזען, ווי ער שפרייזט אדורך דעם טויער, לויפט ארויף אויף דער סטעזשקע וואס פירט צום שאסיי, און ער איז פארשוווּנדן פון מיין בליק.

ער איז געלאפן איבערן שאסיי אין דער ריכטונג צום באנהויף. דער וועג האט געפירט לעבן מארק. אט דארט האט ער אים געפונען ס'איז שוין אבער געווען צו שפעט.

דער פארשאלטענער איוב איז געליגן אויף דער ערד מיטן קאפ פארווארפן, פארזונקען אין שטויב, מיט אויגן ברייט צעעפנטע פאריסן צום הימל, און א העל — רויטער שטראם האט געשפריצט פון זיין האלדז. לעבן אים האט זיך געוואלגערט א פארבלוטיקטער מעסער מיט אן אויסגעקריצטן צייכן פון שפיטאל־מאגאזין.

## שמואל וואהייט

### נאך נעילה

עס איז שוין לאנג נאך נעילה,
און איך בין צו דיר ניט געקומען
מיט מיין פארשטיקטע שטימע.

ווי קען איך מיך פאר דיר ווייזען,
אז מיין גאנץ לעבען איז פול
מיט שטרייכלונגען אין גרייזען.

וואקסט יאוש אין מיין הארץ!
כ'קאן צו דיין טיר ניט קומען,
אז אלץ ארום איז חושך, שווארץ.

ווײל איך גאט פון דיר אנטרינען,
זײנען אלע וועגן פול מיט דיר,
איך קאן קיין אויסוועג ניט געפינען.

שטיקט זיך אין מיר מיין תפילה
צאנקט מיין הארץ אין שעהן שפעטע —
— אין שעהן לאנג שוין נאך נעילה...

## מאיר גערטנער
## באשעפער פון ערד און גייסט

(דער קרן־קיימת קולטור־שעפעריש: א שמועס)

א מתנה פאר ש״י, עגנון, דעם
בן־שמונים־דיכטער פון ׳תחת העץ׳.

### פון עולם־הזה צו עולם־הבא

דעם העברייאישן באגריף קרן־קיימת האבן די חכמים פונעם תלמוד געשאפן. אלו דברים — פאראן זאכן, זאגט די משנה אין פיאה — שאדם אוכל — וואס א מענטש האט הנאה, פירותיהן — פון זייער מאטעריעלן גוף, בעולם־הזה — אויף דער היגער, גשמיותדיקער וועלט; והקרן קיימת — אבער דער עיקרשטער, גייסטיק־אייביקער קרן, בלייבט אים אפגעשפארט לעולם־הבא — פאר יענער רוחניותדיקער וועלט.

ווען דער ליטווישער גמרא־עילוי און היידלבערגער מאטעמאטיק פראפעסאר צבי־הערמאן שאפירא האט דעם געדאנק געפאסט וועגן שאפן א נאציאנאלן פאנד אנצוקויפן ערד אין ארצישראל — פאר אידן צום לעבן, אנשטאט ארצישראלערד פאר אידן צום שטארבן — האט ער א טאפעלטן ציל אין זין געהאט: אי צו דערווערבן שטחים לאנד פאר די ציוניסטישע עולים; אי צו פארארבן די דאזיקע נחלאות דעם אידישן פאלק אויף אייביק. כדי אנצוטייטן דעם דאזיקן תכלית בשם־המפורש האט מען דעם ׳נאציאנאל־פאנד׳, ווי ער האט זיך אויף הערצלס דייטש גערופן, א נאמען געגעבן אויף לשונקודש ׳קרן־קיימת׳; כלומר, דאס איז טייטש: אן אייביק דויערנדיקער פאנד.

אסך געשעהענישן האבן זיך געטראפן זייט דעמולט: צוויי וועלט־מלחמות, דריי אידיש־אראבישע קריגן, און דער מוראדיקער חורבן פון אידיש־אייראפע; הערצלס ציוניסטנקאנגרעסן, ווייצמאנס באלפור־דעקלאראציע, און די גרינדונג פון בן־גוריונס מדינת־ישראל. אין דער צווײדורותדיקער צייט האבן זיך די פראגראם־לאזונגען פונם קרן־קיימת כסדר פארביטן, כפי דעם נייען מצב און די נייע באדערפענישן, וואס זענען געוועזן דער פועל־יוצא פון יענע געשעהנישן.



בראשית — אין אנהויב האט מען אויסגערופן: גאולת־אדמה, דערלייזונג פונעם לאנדבאדן. אחרי — דערנאך, ווען קויפן איז געווארן שווערער, האט מען געזאגט: יצירת־אדמה, באשאפונג פון נייעם באדן, אזויווי הקדושברכו, כביכול, פונעם תוהו־ובוהו; דהיינו: אויסטרוקענען זומפן און אויסווארצלען פעלזן. ויהי — און ס׳איז נעווען, ווען דער נגב איז געווארן אידיש, האט מען פראקלאמירט: הפרחת־השממה, באפרעכפערונג פון דער מדבר מיט קאנאלן און וואסערלייטונגען. אחר הדברים האלה — נאך דעם אלעמען, האט מען ציטירט: אשא עיני אל ההרים —! עמיר אויפהויבן די אויגן צו די נאקעטע בערג. און מען האט אנגעהויבן ריידן פון יישוב־הרים, באדעקן די בערג מיט דערפער און וועלדער. ייעור, באוואלדונג, און נטיעת־עצים, פלאנצונג פון פרוכטביימער און האלצוועלדער, איז תמיד שוין געווען א סעיף אין הלכות יישוב־ארץ־ישראל. ווי זאגט דאס עפעס עגנונס חלוץ פון דגניה צו יענעם אראבישן פריץ וועלכער באגעגענט אים טראגנדיק שתילים־ביימלעך אויף דעם וועג. ער כאפט איבער א פסוק מיט אים, א פסוק פון סווארבע: ונטעו — און זיי וועלן פלאנצן, זאגט דער נביא עמוס, ונטעתים — און איך וועל זיי איינפלאנצן אויף זייער ערד. און עגנון, דרשנענדיק א מדרשדיקן גזירה־שווה־פארגלייך, זאגט דארטן: גאט זאגט צו זיין פאלק — ׳אז איר וועט מקיים זיין אייער „ונטעו״, וועל איך מקיים זיין מיין „ונטעתם״. א טיפער סיפור־המעשה דאס מיט א וואלדיקן נאמען: ׳תחת העץ׳ — אונטער דעם בוים.

אויף דעם אופן איז דאס גאנצע לאנד צושטאטעלך באדעקט געווארן מיט קרן־קיימת־וועלדער. ויקרא שמות — און מען האט זיי גערופן מיט נעמען: יער־הרצל, יער־צ׳רצ׳יל, יער־הקדושים, און ווי איר ווילט. אידן זיצן ׳אונטערן בוים׳. אבער דאס אלעס איז עולם־הזה. עולם־הבא איז וואס ס׳לייכט און שיינט אהינטער דעם אלעמען: דער אוראלטער אידישער גייסט, די איבערגעליפערטע תורת־משה־טראדיציע.׳

### פון אגריקולטור צו תורה־קולטור

אז סאיז פאראן עפעס א חילוק צווישן אידישער היסטאריע און גויישער וועלטגעשיכטע איז עס דער חילוק: אין דער גאנצער וועלט האבן פעלקער קודם געהאט א לאנד, דערנאך געשאפן א קולטור. ביי יידן האבן זיך פארביטן די יוצרות: קודם איז געקומען די קולטור, די סיני־תורה, דערנאך איז מען געגאנגען קיין ארץ־כנען און דאס לאנד איבערגעניצעוועט צו ארץ־ישראל. און איינער פון די וויכטיקסטע פונקטן פון דער תורה־קולטור איז געווען: והארץ לא תימכר — די ערד קען ניט פארקויפט ווערן אויף אייביק; ווארום, זאגט גאט, כי לי כל הארץ — די ערד איז מיין. אט דער פסוק איז געווען, אפנים, אין הערמאן שאפיראס זין. ער האט אים אין קאפ געהאט און געדענקט פונעם ליטווישן חומש־חדר, נישט פון דער דייטשישן ניבעלונגען־אוניווערסיטעט. דער תורה־פסוק איז געווארן די נשמה פונעם קרן־קיימת. אויף דעם פסוק האט זיך דער גמראמאטעמאטיקער ׳געשטעלט׳, ווען ער האט דעם קרן־

קיימת נעגרינדעט. ארץ־ישראל, האט ער געדרשנט, הייסט: די ערד געהערט דעם גאנצן פאלק ישראל. נישטא קיין קולאקן, נישטא קיין באיארן, נישט קיין גרונדבאזיצער און נישט קיין 'לענד־אנערס'. הקיצור, הייסט דאס, נישטא קיין שקלאפנהאלטערס און ניט קיין בלוטזויגערס. ווי פלעג מען זאגן אין דער ישיבה ביים פילפול־מאכן: אילולא דמסתפינא — ווען איך וואלט מיך נישט געפארכטן, וואלט איך אפילו געזאגט אז יענעם משומדס זון, קארל מארקס, האט שורש־נשמהדיק אויך דער פסוק שיוויתידיק פאר די אויגן געשוועבט, ווען ער האט געשריבן זיינע ביכער פאר סאציאלער גערעכטיגקייט. אינעם בריטישן מוזייאום האבן זיך אים פרידריך העגעל און משה רבינו, להבדיל, צו א סאציאל־פילאסאפישן זיווג צונאמגעפארט.

אבער וואס שייך דעם קרן־קיימת איז טאקע דער פסוק דער יסוד. ורוח להולכים בה — א גייסטיקער אנשפאר פאר די וואס גיין מיט אים. דאס סאציאלע תורה־אידעאל איז דער עולם־הבא־טייל פונם נאציאנאל פאנד. לא על הלחם לבדו — נישט בלויז מאטעריעלע עקאנאמיע, נאר אויך אידעאלער סאציאליזם; נישט בלויז אגריקולטור, נאר אויך תורה־קולטור.

## פון חמישעשר צו טו־בשבט

תורה־קולטור הייסט אויך אידישע יומטובים. אלע אונזערע יומטובים זענען פארבונדען מיט דער ערד און מיט לאנדארבייט. פסח — איז וועסנעדיקע בליאונגצייט; שבועות — איז זומערדיקע שניטערצייט; סוכות — איז אסייענדיקע איינזאמלונגצייט. אבער אין גלות 'האבן מיר זיך דערווייטערט פון אונדזער ערד', און אלע יומטובים זענען אפגעשניטן געווארן פון זייערע ערדווארצלען. אפילו דעם אתרוג מיטן לולב, סימבאלישע ערדפראדוקטן, פלעגן די 'מהדרין' ברענגען פון איטאליעניש קארפו. די מצווה האט דערשטיקט די כוונה. איינמאל אין יאר פלעגן אבער אידישע יינגלעך זיך יא דערמאנען אן ארצישראל. דאס איז געווען ביים חמישעשר־אויבסט־עסן. מענדעלעס בנימין איז א גוטער עדות: 'איינער האט א מאל אין דעם שטעטל געבראכט א טייטל. האט מען אויפגעמישט דעם חומש און געוויזן אז תמר, דער טייטל, שטייט אין חומש. סטייטש דער טייטל וואקסט דאך פון ארץ־ישראל. קוקנדיק אויפן טייטל האט זיך אויסגעדאכט ארץ־ישראל פאר די אויגן. אט געהט מען איבער דעם ירדן, אט איז די מערת־המכפלה, דער מוטער רחלס קבר, דאס כותל מערבי. יענע צייט איז גאנץ טוניעדעווקע געווען ארצישראל'.

אסך־אסך אזעלכע יינגלעך האבן אפשר קיינמאל נישט געזען קיין אמתדיקע פרוכטביימער. מכלשכן אז זיי האבן קיינמאל נישט אליין געפלאנצט קיין ביימער. חמישעשר האט זיי דערמאנט נישט אן ביימער און גערטנער נאר אן קבר־רחל און מערת־המכפלה. היינט אין ארצישראל, צוליב דעם קרן־קיימת, איז דאס אנדערש. אין דעם היינטיקן ארצישראל זענען די יומטובים א גרויס קולטורפראבלעם. מען האט זיי נאך נישט דערנייערט מיט נייעם שעפערישן גייסט. דער קיבוץ־'סדר' איז אן אנהויב. אבער א גרויסער אויסנאם איז



חמישעשר. מען עסט נישט מער קיין פארטריקנטע קבר־רחל־טייטלען. מע פלאנצט גאולהדיקע ארצישראל ביימער. ביימער פלאנצט מען א לאנגע צייט אין יאר. אבער חמישעשר פנאצן די קינדער ביימער. אונזערע שולקינדער גייען אין די זונפארברענטע ערבה־וויסטענישן און קריכן אויף נאקעטע פעלזנבערג און באפלאנצן די נגב־גליל לענדער מיט ביימער. עמוס, דו וועסט דיך זייער געפרייט, ווען דו וואלסט געקאנט זען, אויף א שפאצירבאזוך אינאיינעם מיט דיין פריינט טעאדאר הערצלען, ווי דיין נבואה, באצירט און באחן'ט מיט עגנונס מדרש, איז אזוי וואונדערליך מקויים געווארן!

דער קרן־קיימת, הייסט דאס, האט נישט נאר אפגעקויפט און באפרעכפערט דאס אידישע לאנד. דער קרן־קיימת האט אויך פון דאסניי באשאפן אן ארצישראלדיקן אידישן יומטוב. יומטובים שאפן איז קולטור שאַפן. דער קרן־קיימת האט דעם נייעם יומטוב דעם ארצישראלקינד פאר א מתנה געגעבן. אפילו אראבישע יינגלעך באטייליקן זיך ביים בוימפלאנצן. ביימער וואכסן דאך פאר אלע מענטשן גלייך. דער אלטער גמראדיקער ראש־השנה־לאילנות, וואס איז געווארן אין גלות א פליכצוואטער קבר־דיקער חמישעשר איז ווידעראמאל א פרעכדיק־גרינער יומטוב. ער איז דער געבוירנטאג פון די ארצישראלביימער. ער דערציט די יוגענט צום אויפבוי פונעם לאנד. ווי א סימבאל פון דער פארוואנדלונג האט מען איבערגעביטן דעם נאמען: חמישעשר איז געווארן טו־בשבט. 'טו־בשבט הגיע'... זינגען די קינדער. א שטיק 'עולם־הבא'.

## פון שבועות־גרינס צו ביכורים־חגיגות

דער קרן־קיימת באשאפט נייע, אדער באלעבט מחייה־מתימדיק אלטע יומטובים. שבועות, למשל, איז נישט נאר 'יום מתן־תורתנו'. שבועות איז אויך 'חג־הביכורים'. ווען אידישע חדריינגלעך פלעגן אהיימקומען ערב־יומטוב האבן זיי דער מאמע געהאלפן באצירן די שטוב מיט גרינס. דאס איז געווען א מין 'זכר־לחורבן' — ווארום וואס מישטיינס געזאגט האט דאס שוין געהאט צו באטייטן. און חומשדיקע צייטן, אמאל, איז דאס אנדערש געווען: — 'זאלסטו נעמען פונעם ערשטן פון יעטוועדער פרוכט... און גיין צו דעם ארט... און זאלסט אוועקלייגן פאר דיין גאט, און זאלסט דיך פרייען מיט אלעם גוטן'. אזוי אין חומש. אין דער משנה איז דאס שוין מער רושם'דיק: 'אלע דערפער פלעגן זיך פאזאמלען. אינדערפרי האט דער אנפירער גערופן: שטייט אויף, לאמיר ארויפשטייגן קיין ציון. מען האט געבראכט פייגן, טרויבן, טייטלען און ראזשינקעס. אן אקס איז געגאנגען פארויס, די הערנער באצירט מיט גאלד, א קרוין פון איילבירטבלעטער אויפן קאפ. דער פלייטנשפילער האט געפייפט, ביז זיי האבן דערגרייכט ירושלים'. — אין חדר האבן מיר אזעלכע משניות נישט געלערנט. המניח את הכד, שניים אוחזין בטלית, ביצה שנולדה ביום־טוב, דאס איז געווען א פראגראם פארן חדר; אבער ביכורים־באשרייבונגען, פוסטע זאכן! א בעל־דימיון קאן זיך גרינג אויסמאלן וואס ליטווישע דארפסיינגלעך, מיט הונדערט יאר צוריק, האבן פלוצים דערפילט, ווען זיי האבן געליינט

די ביכורים־שילדערונג פון דער משנה אין אברהם מאפו׳ס גאלדענעם ׳אהבת־ציון׳־לשונקודש, באחן׳ט און באשיינט מיט זיינע תלמודיש־דיכטערישע פארצירונגען: ׳און זיי האבן ארייגעטאן די בעסטע פרוכטן אין זילבערנע און גאלדענע קוישן...׳ חלומותדיקע בילדער. מאפו׳ס דערצעלונגען זענען געווען דער בראשיתדיקער אנהויב פון שיבת־ציון.

דער קרן־קיימת האט אין ארצישראל דעם חג־הביכורים פעדאגאגיש באנייט. אויך דער יומטוב איז געווארן א קינדער־יומטוב. ערב־שבועות ברינגען אלע קינדער ׳ביכורים׳ די קיבוץ־קינדער ברינגען ׳פרוכט פון דער ערד׳, און די שטאטישע קינדער ברינגען די פראדוקטן פון זייער האנדווערק אין דער שולע. די ביכורים־חגיגה איז א גרויסע שמחה פאר די קינדער, א גרויס יומטובדיק דערלעבעניש. אבער די גרעסטע חשיבות פון דער חגיגה איז די דערציערישע השפעה. די קינדער לערנען בייצושטייערן לטובת הכלל, צו געבן זייער תרומה; נישט צום כהן, ווי אמאל, נאר צום אידישן פאלק. א וויכטיקער קולטורשעפערישער אויפטו. ורוח להולכים בה — גייסט פאר די וואס גייען דערין. קרן־קיימת פאר עולם־הבא.

### פון יום־שישי צו ערב־שבת

פאר אסך קינדער אין ארצישראל איז פרייטיק איינפאך ׳יום־שישי׳, נישט ׳ערב־שבת׳. אינדערהיים איז נישטא קיין שבתדיקס, קיין קידוש נישט, קיין קבלת־שבת, קיין לכו־נרננה און קיין זמירות. גארנישט. דער קרן־קיימת האט געשאפן דעם שיינעם מנהג אפצוריכטן אין די שולן יעדן פרייטיקנאכמיטאק קבלת־שבת פאר די קינדער מיט שירים און רעציטאציעס. אוודאי, מיט אן אמתדיקן פרייטיגצונאכטס קאן מען דאס נישט פארגלייכן. ׳כל־מקדש׳ איז דאס נישט. אבער א שישים־שבשישים פון א שבת־אטמאספער איז דאס דאך. דער קרן־קיימת האט ארויסגעבראכט ספעציעלע פראגראמעס פאר קבלת־שבת אין די שולן פאן א גאנץ יאר. כמעט אלע שולן אין לאנד געבן אויף דעם אופן אביסל שבת פאר די קינדער מיטצונעמען אהיים. אויך דאס א גרויסער פעדאגאגישער שריט. אויס דאס א קליינער חלק פון עולם־הבא.

### פון שולקינדער צו שריפטשטעלער

די קרן־קיימת קולטורטעטיקייט ציט זיך פון דעם שול־לערנען ביז צום ביכער־שרייבן, פון די סטודיען ביז צו דער ליטעראטור. שוין איבער צוואנציק יאר וואס דער קרן־קיימת פארטיילט א יערליכן ליטעראטורפרייז, דעם באקאנטן פרס־אוסישקין. דער פרייז ווערט צוגעטיילט פאר דעם בוך וואס שפיגלט אפ אויף דעם בעסטן אופן דעם אויפבוי פונעם לאנד, אדער דאס לעבן פונעם פאלק. דאס יאר איז דער פרס־אוסישקין צוגעטיילט געווארן פאר צוויי שרייבער, אהרון אפלפלד און בן־עמי, וואס שפיגלען ביידע, יעדער אויף זיין שטייגער, אין זייערע דערציילונגען דאס גורלדיקע דערלעבעניש פון גלות־אידן אין



דער טראגישער סוף־מלחמה־צייט. איינער דערציילט פונעם ׳פראסט אויף דעם לאנד׳, פון דעם לעבן אין די רצחנישע מחנות פון היטלערס גיהינום־מלוכה. דער צווייטער שרייבט פון דעם טרויעריקן גורל פון אידן וואס זענען צוהרגט ׳צווישן דעם האמער און דעם סערפ׳, פונעם אידישן חורבן אין סטאלינס אכזריותדיקער אימפעריע. המן און פרעה אין א מאדערנעם צייטשפיגל. דער קרן־קיימת אונטערשטיצט דערמיט די וואכסנדיקע נייע העברייאישע ליטעראטור. דאס אויך א חלק־לעולם־הבא־שטיק.

### פון גשמיות צו רוחניות

ס׳איז געוויינטלעך דער מנהג צו ריידן פונעם קרן־קיימת בקשר מיט געלט: ווען דער פושקעזאמלער קומט; ווען דער טשעק ווערט געשריבן, אדער ווען א געלדקאלעקציע־סעודה, ׳דינער׳ בלעז, ווערט געגעסן. מען האלט דעם קרן פאר א פשוטער מאטעריעלער אינסטיטוציע. ער איז אבער בעיקר א גייסטיקע קולטור־אינסטיטוציע. ער האט רעאליזירט דאס עלטסטע סאציאלע געזעץ פון דער גאנצער וועלט, אן צוואנג, אן פאליציי, פרייוויליק — דאס אידעאלסטע תורה־געזעץ וואס די וועלט פארמאגט: והארץ לא תימכר. דער קרן־קיימת האט באנייט די אידישע יומטובים; ער שענקט די קינדער א שטיקל שבת יעדן פרייטיג, דערציט די יוגנט צו באטייליקן זיך ביים אויפבוי פונעם לאנד. דער קרן־קיימת העלפט דער יונגער העברייאישער ליטעראטור וואכסן.

## הערי פאצאנאווסקי

## אל - תירא עבדי יעקב

געשטאנען בין איך  
ביי די מערב־וואנד,  
געהאלטן האב איך  
א סידור, אין מיין האנד.

געמאכט א־שהחינו,  
פון פרייד געגאסן מיט טרערן,  
דעם ענטפער „אמן“,  
האט מען זיכער געטאן אין הימעל הערען.

דער ענטפער איז געווען פון יידן,  
וואס זענען געקומען פון נאנט און־ווייט,  
אין צווישען זיי איז געשטאנען,  
דוד המלך, אין די רעכטע זייט.

אויף זיין הארפע,  
האט ער זיס געשפילט,

ווי אמאל אין בית־המקדש
האט זיך יעדער געפילט.

די יונגע האבן געטאנצט,
די עלטערע האבן געזינגען,
אין די קינדערלעך
האבן אונטערגעשפרינגען.

אין ווען טיטוס הרשע,
דאס געטון דערהערן,
ארויס מיט זיין חיל פון גיהנום
געוואלט די פרייד צעשטערן.

„אל־תירא עבדי יעקב",
האט זיך געהערט א געטליכער געשריי,
אויב א שונא וועט מאכען א טריט נענטער,
וועט צו זיי זיין, אך אין־וויי.

נישט די רשעים, נבוכדנצר טיטוס, נאסער,
קענען אונז שרעקען,
נישט מער וועלען מיר נעמען אין האנד,
דעם וואנדער שטעקען.

„הנה לא ינום ולא יישן
שומר ישראל",
אז יידן פון אלע וועלט־עקן
אהיים קומען אן אצאל

## א. נ. שטענצל

## „עלזא לאסקער - שילער"

2

פארטון אזוי מיט די אלע געשעענישן, מיט די ממש ווילד־אנלויפנדיקע איינדרוקן; פארשיידענע שטימונגען, פרעמדע, מיר אומבאקאנטע, איינע איבעריאגנדיק די אנדערע; מיט נייע פנימער, אזוי אויסדריקלעך אנדערש איינס פון אנדערן; בלויז צו דערמאנען דאס ברייטע, פריילעכע אגיל־ואשמח — קיילעכדיקע, דאס תמיד־רויטלעך באגייסטערטע פנים יאנקל אדלערס, מיט די ליכטיקע, גוטע, בלויע אויגן און דאס קולבאקישע קאנטיקע, מיט די ארויסשטארטשענדיקע באקנביינער, גרוילעך מרה־שחורהדיקע, מיט די טיף־אדורכנעמענדיקע אונטערן שטערן זיך פארקריכנדיקע אויגן, וואס תמיד גראבן זיי עפעס אין דיר ווי צוויי שארפע לאפאטעס.



און איבער דעם אלעם איר פנים, וואס יעדע מינוט קריגט עס אן אנדער אויסזעען — א פארבליפנדיקער אויסדרוק יעדער צוק מיט דער שפיציקפארקיילעכדיקער ברעם! די ליפן, מיטן ווינקלדיקן קנייטש, פארבייסן עפעס, די אויגן בעטן עפעס; אי דורכגעטריבנס, ביטער־דערפארנס, אי קינדיש־נייגיריקס, לאשטשענדיקס אין איין אויגנבליק — עס מיגניעט זיך נאר אזוי שווינדלדיק־ווילד פאר די אויגן!

נייגיריק, פארגאפנדיק פארטון אין דעם אלעם, האב איך פארגעסן, אז איך האב א דאקטאר אויף מיין קאפ; אז יעדן צווייטן טאג מוז איך זיין ביי אים; אז א „שוועסטער" מוז רייניקן מיינע פאראייטערטע גריזשלעס, ביז שארפע שטעכענישן אין מיין האלז און נאקן האבן מיר גאר שטארק דערמאנט און אינמיטן געשמאקן שלאף מיך אויפגעוועקט מיט גליאיקע יסורים — נאך איידער צייט געהאט — ווי כמעט אלע נאכט! — ארייננצופאלן אין קאשמאר פון חלומות, האט דער שטארקער ווייטאק מיך אויסגעשטשוכעט.

קוים דערוואַרט דאס טאג ווערן און שוין א שעה נאך פאר די אויפנאם־שטונדן מיך שוין געדרייט נערוועז, היפאכאנדריש אין מיר פארטון, אינם זויבערן, פריש־אויסגעקערטן, אינם אקאציעס־צעפעכלטן, שטילן דאקטאר־געסל, פריי־מארגנדיק, נאך נעפלדיק־פארשלייערט אביסל.

די „שוועסטער", וואס האט אראפגענומען דעם פארשווייסטן, פארברודיקטן באנדאזש, האט פארקרימט דאס נעזל; איך האב דאך שוין געזאלט זיין דא נאך אייערנעכטן... די וואונד איז רויט ווי פייער... ס'איז גארנישט אויסגעשלאסן, אז ס'זאל נישט זיין קיין פארגיפטונג... דאס נעזל איז געבליבן פארשארצט און דאס אויבערשטע ליפל האט זיך פארביסן און גארנישט זאגנדיק האט זי מיך אזוי מיט א פארקרומטן קאפ, מיט א נאקעט־אפגעדעקטן האלז און נאקן, ביי דער האנט מיך אנגעמענדיק, ארייגעפירט אין דאקטארס קאבינעט.

איך האב דעם דאקטאר נישט געהערט ארייינקומען, כ'האב אויך נישט געקענט אויסדרייען דעם קאפ אים צו קענען זען. איך האב נאר געהערט זיין געבייזער: „איין שווינעריי! שוועסטער, דאס איזט איין אביעקט פיר די קליניק, נישט פארן אויפנאם־צימער".

ער האט זיך בארואיקט. איך האב פאר אים נישט עקזיסטירט. ער האט זיך לאנג געוואשן די הענט. געהערט די שוועסטער קומט צו אים מיט קלינגענדיקע א פאר־כלים, עפעס ארייינגעווארפן א ווארט און ער האט גענומען גראבלען גארנישט דעליקאט אין מיין וואונד. איך האב פארביסן די ליפן ביז בלוט. מיין „האלטונג" האט, מן־הסתם, געפאלן דעם „פעלד־דאקטאר" — וואס ער איז עס ביז נישט לאנג צוריק זיכער געווען — און מיר געגעבן א כוואטסקע קלאפ איבער דער פלייצע.

איך האב ווידער געהערט דעם דאקטארס לאנג וואשן זיך די הענט און געשפירט די פינגער פון דער שוועסטער ביים רייניקן מיר די וואונד. זי האט ארייינגערעדט צום דאקטאר אין דער צווייטער שטוב און אויף מיר

געקוקט מיטן פארשארצטן נעזל. מיר זענען אדורכגעקומען, אז יעדן פריי־מארגן, א האלבע שעה פאר דער אויפנאמע־שטונדע, זאל איך דא זיין — „אבער פינקטליך!" האט זי מיר געגראזשעט מיט איינעם פון די פינגער, וואס כ׳האב געשפירט זייער דעליקאטקייט ביים רייניקן מיר די וואונד...

איך בין שוין געווען פארטיק צום אוועקגיין, האב איך געהערט דעם דאקטארס אריינרופן: „געגנצליכע רוהע מוז ער האבן, ער קאן גריילעך שפאצירן, אבער" —

איך האב שוין דעם „אבער" און וואס ער האט געמיינט דערמיט נישט געהערט און אויך נישט געוואלט הערן... נישט נאר האט דער בייזער דאקטאר נישט מער עקזיסטירט פאר מיר, נאר די פריינטלעכע שוועסטער אויך שוין נישט. דער דרויסן איז געווען וואונדערלעך־שיין, דער הימל ווי פריש־אויסגעוואשן, א גערייניקטער, מיט לעצטן ביסל אייטערדיקן נעפל פארשוואונדן צווישן די שטילע אקאציעבלעטלעך.

שפאציר איך אזוי געסל־ארויס געסל־אריין, אלצדינג וואונדערלעך ניי ווי אויסגעוואשן, ווי פריש־אויסגערייניקט. מיינע יסורים זענען אוועק און אין מיר צערטלט זיך און א בארואיקטע זיכערקייט: פאר דריי וואכן איז די פאנסיאן שוין פארויס באצאלט. פארן דאקטאר און פאר עווענטועלע נויטיקייטן האב איך נאך גענוג אין טאש און אין דריי מנוחהדיקע וואכן וואס קאן מען פון דעם וואונדערלעכן ארום דא נישט אלץ מאכן?...

וואס ווייטער כ׳בין געגאנגען, אלץ אפענער איז ארום מיר און אין מיר געווארן; אלץ זוניק־צעשטראלטער, אלץ וואונדערלעכער. די ווילעס, די פאלאצלעך, די גערטנער ווערן גרעסער, די ווייטקייטן ציען זיך. אלצדינג ניי פאר מיינע אויגן — זיי ווערן אויפגעריסענער, פארגאפטער. איך גיי, די פיס אזוי לייכט, דער קאפ ווי ער וואלט געשוועבט. ווייס איך וואו איך גיי? אבער וואס איז דער אונטערשייד? איך „שפאציר גריילעך"... אבער ראפטום בלייב איך שטיין: דער אויפגעפראלטער האפטל־זעע — א שפיגלדיק שויפענסטער מיט לאדקעס און זעגל־שיפלעך.

אויף די שטילע וועלן שפילן זיך די זון־שטראלן, א געמיגניע פון גאלד און זילבער. זיי שפילן זיך אין „א זון און א רעגן", כאטש אויפשארצן די מייטקעס, אריינשפרינגען און מיטזינגען:

א זון און א רעגן,
די כלה איז געלעגן.
וואס האט זי געהאט?
א יינגעלע!
אויף איר מינדסטן פינגערל
וואס טראגט זי?
א גאלדן רינגעלע!

מיינע אויגן שפילן זיך זון־צעפלימערט אין טויזנט און איין שפיל... אט פליט אן א יאכט־שיפל און פונם גאנצן א שוים־צעמישעניש: איז עס נישט



מאגנוס אויף די באלטישע זעען אין זיין יאכט־שיפל?

אבער באלד איז דער זעע פאר מיינע אויגן ווידער אויסגעגלעט ווי א גאלדענער שפיגל און מיינע געדאנקען גלעטן זיך און צוואגן זיך און מיינע פינגער טאפן שוין אין טאש דאס שטיקעלע בליישטיפטל. „אבער" הער איך דעם דאקטארס אריינרופן צו דער שוועסטער. מיינע פינגער צערטלען דאס שטיקעלע בליישטיפט און כ׳זעץ מיך אנידער א מידער ביים ברעג.

האלב וואך, גאנץ פארשמאכט. טראכט איך? וואס קאן מען נישט אלץ מאכן מיט די צוויי און צוואנציק אותיות... גאנצע שמות און צירופים! וואונדער קאנען זיי ווערן... און ווערן זיי ווערטער, ווי פראקטיש גראמענדיק געפארט ווערן זיי, ווי וואכעדיק...

טראכט איך, חלום איך? ווי האב איך מיט צימעלען געשפילט „עטל־בעטל" — גאנצע מעת־לעתן מיט איר געקענט זיצן אין א ווינקל אויפן פאדווארזש, מ׳האט גערופן צום מיטאג, צום נאכט־עסן — א טרעוואגע אין גאנצן הויז: „וואו זענען די קינדער אהינגעקומען?!" מיר הערן געוואלטענעס ווי אין חלום — און פון אונזערע הענטלעך גייט דאס שטריקל אין טויזנטערליי פארמען אהין און צוריק, אהין און צוריק און אונזערע פינגער ציטערן פון אויפרעגונג, פון שפאנענדיקער פרייד —

מיט דריי־פיר ליניעס האט זי צונויפגעשטעלט א קאפ, און איך דערקען מיך אין אים — „האמיד". מסתם האט זי עפעס געטראכט דערביי — א ווילדן מיגניע געטון מיטן אויג! א שפיגל געטון אין מוח...

איך וויל ווייטער טראכטן, אבער כ׳בין צו פארמאטערט, קיין „פרישטיק" נאך נישט געגעסן. די מוטשעניש ביים דאקטאר. איך וויל מיך אויפהייבן און אהיימגיין, אבער ר׳דזשימיע מיד איין און חלומדיק טראכט עס זיך ווייטער:

אויפן בערגל אקייגנאיבער זיצט ווי אלאנגע „לאקס" דער סינאגאגע־דריגענט, דער קאמפאזיטאר, ישראל גאלדשטיין. אויף זין טראמבע־געמבע זיין פייקעלע־פיאל, דריי טענער ציען זיך ווי דינע שטראלן דא אויפן זעע. די גאנצע סטאדע טוליעט זיך ארום אים א טאנצנדיקע, און ער שטייט אינמיטן א דאוונענדיקער לייב מיט אן ארויסגעשטעקטער רויט־גליווערנדיקער צונג:

„די זון פארגייט אין פלאמען,
אזוי פארגייט מיין טרוים."

איך האב מיך אויפגעכאפט און דורך די זעלבע געסלעך און אלייען, מיט וועלכע איך בין אנגעקומען דא צום האפל־זעע, האב איך שנעל גענומען אהיימגיין, און מיין געדאנק איז אויך פלינק צוריקגעגאנגען איבער די אלע טראכטענישן און זיי צוזאמענגעבונדן. עפעס נייעס האב איך געפילט איז אין מיר איצט געבוירן געווארן און איך האב מיך געפריידט... עפעס וואקסט אין מיר.

כ׳האב אפגעגעסן. ס׳איז שוין געווען דאס אנבייסן מיטן מיטאג צוזאם און מיך צוגעלעגט. כ׳האב געמוזט אפשלאפן א שיינע פאר שעה. ווען כ׳האב געעפנט די אויגן, איז געלעגן ביי דער טיר א געשריפטס מיט צעדרייטע

ווילדע אותיות מיט דעם זעלבן געצייכנטן קאפ „האמיד“.

איך האב געמיינט, אז א ווינטל דורכן אפן געלאזענעם פענסטער האט עס אראפגעיאגט פון טיש. אבער אז איך האב מיך אויפגעהויבן, האב איך געזעען, אז דאס וואס ליגט ביי דער טיר איז א שטיל־אריינגעריטשט פאסט־קארטל מיך נישט אויפצוועקן פון שלאף, געשריבן מיט די זעלבע ווילד־צעדרייטע אותיות און די צייכענונג פון די דריי־פיר שטריכן דער זעלבער „האמיד“ ווי צוויי טראפן וואסער. איך האב געשמייכלט צו מיר, מסתם מיטן זעלבן שמייכל, וואס אויפן וועג אהיימגייענדיק ווען כ׳האב דערפילט, אז אין מיר איז עפעס נייעס געבוירן געווארן און איך האב מיך געפריידט.

וואס אויפן קארטל איז געווען געשריבן, וויפל מאל כ׳האב מיך גענומען עס צו לייענען האב איך קיין איין שורה נישט געקענט אנטציפערן — ווי צירופים זענען די ווערטער געווען אויסגעשטעלט! אבער דער אבזענדער איז געווען גענוי געשריבן ווירזשנע אות נאך אות. און איך האב פארשטאנען, אז די שרייבערין וויל כ׳זאל איר ענטפערן כאטש זי פארשטייט, אז איך פארשטיי פון קארטל קיין איין ווארט נישט און פון מיין ענטפער וועט זי מסתם נאך פיל ווייניקער פארשטיין.

ענטפערן מוז איך! אבער גיי פיר א קארעספאנדענץ אין א דיר כמעט לגמרי פרעמדער שפראך מיט א בארימטער דיכטערין אויפן דאזיקן לשון. כאטש מאך אויך אזא מין מענטשל מיט א דריי־פיר שטריכן וועט עס זיכער זיין פארשטענדלעכער ווי מיט מיינע קאטשערעס און לאפאטעס לאטיינישע בוכשטאבן צונויפשטעלן דייטשע ווערטער. אפשר קויפן עפעס א „ווידאק“, א בילד פון א פאלאץ דא, פון האפל־זעע, גענוי נאכצייכענען דעם אדרעס, גארנישט צושרייבן און אפשיקן. האב איך מיך דערמאנט, כ׳האב דאך אזא קארטל־בילד ביי מיר, דאס שפינאזא־בילד, וואס כ׳טראג שוין יארן אין בוזעם־טאש ביי מיר.

איך נעם עס ארויס און מוז שמייכלען צו מיר: איז עס נישט פאכאזשע אויף איר ווען ביים טישל זי גלעט זיך צו אירע פעך־שווארצע, געשוירענע האר? זי רייסט קיילעכיק אויף אירע טיף־שווארצע אויגן?

ביים אוועקפארן פון דער היים, ביים געזעגענען זיך, האט מיר לאזער פלאצקער געגעבן די פאטאגראפיע. דער נאמען אליין שוין, בענעדיקט שפינאזא, ברוך שפינאזא, איז פאר אונז — אן ענגער קרייז בחורימלעך אקארשט ארויס פון בית־מדרש, פון שטיבל, געלייענט ביכלעך, דיסקוטירט, געזוכט — געווען דאס גרעסטע: בענעדיקט שפינאזא! מיר האבן זיך געהאלטן פאר שפינאזיסטן.

וואס מיר האבן געוואוסט פון אים איז געווען אויף „שפיץ מעסער“ און אויבערפלעכלעך: אן ארטיקל פון א זשורנאל, פון דער פיליפ קראנץ ביאגראפיע. ביי מיר האט עס זיך פארבונדן מיט מיינע רעיונות, מיט נאטור־שפירונגען, מיטן תהלימדיקן, ברכי נפשידיקן „כי מעולם ועד עולם אתה אל“, מיטן בעל־שם׳ס „לית אתר פנוי מניה“.

לאזער איז געווען דער סיסטעמאטישסטער, דער „פילאזאפישסטער“



צווישן אונדז. זיין געהאקט יוביצל איז שוין געקירצטער, ער האט זיך שוין געגרייט צו מאטורע. זיין פאטער, ישראל פלאצקער, א ברודער פון בארימטן דווארטשער רב, איז שוין געווען א באוואוסטער משכיל אין שטאט און פון די אנפירנדיקע ציוניים־מזרחיים.

זעענדיק אמאל ביי אים די שפינאזא־פאטאגראפיע, בין איך גאנץ נתפעל געווארן — די גרויסע, שווארצע תלמיד־חכמדיק פארטראכטע אויגן, די שטילקייט אין זיי, די אין זיך טיף־פארטיפטע. ביים געזעגענען זיך צו מיין אוועקפארן, האט ער עס מיר געגעבן.

האב איך דאס קארטל גענומען, נאכקאפירט אויף איין האלב זייטל גענוי דעם אדרעס און אויף דער צווייטער העלפט פון זייטל אויפגעשריבן מיט לאטייניש אותיות: „ער האט געוואוסט וואס אזוינס עס מיינט דאס ווארט גאט“.

אויפן דריטן טאג האבן איך באקומען א קארטל, אויסגעזעען פונקט ווי דאס ערשטע, מיטן אונטערשייד וואס דאס צווייטע קארטל איז געווען געשריבן מיט א קאלירטער בליישטיפט און דער „האמיד“ איז געווען ארומגעקלעפט ווי מיט א גילדענעם קראנץ, ווי אין אזא מין רעמל אריינגעשטעלט מיט פיצעלעך גאלד־פאפיר פון א ציגארעטן־פאקונג אדער ווי פון איינגעוויקלטע שאקאלאדע־פאפירלעך.

אין זעלבן טאג אויף מיין „שפאצירן“ בין איך שטיין־געבליבן פאר א בוכהאנדלונג שויפענסטער, און צווישן די אויסגעלייגטע ביכער געזעען די „עטיק“ פון שפינאזא. כ׳בין אריינגעגאנגען און עס געקויפט.

אנידערזעצנדיק מיך אויף א גארטן־באנק, גענומען בלעטערן, אבער נישט געקענט צוזאמשטעלן, נישט באנעמען און איינבייסן קיין איין גאנצן זאץ — האב איך עס, שטאט אן ענטפער אויף דעם בליישטיפט־קאלירטן, גאלד־באפוצטן קארטל, אוועקגעשיקט אלס ענטפער.

די גאנצע גייענדיקע וואך בין איך יעדן פרימארגן געגאנגען צום דאקטאר. די „שוועסטער“, די מנוחה, די שטילע שפאצירן, האבן מיר גוט געטון. די זון, די רעגלמעסיקע דערנערונג האבן צוגעהאלפן און ס׳האט גענומען שנעל היילן. דער דאקטאר, באקוקנדיק די וואונד, האט מיר געקוקט פריינטלעך אין די אויגן אפנים צופרידן געווען פון דער זיך גיך־היילנדיקער וואונד!...

נאכן באנדאזשירן האט די „שוועסטער“ מיר אויסגעשטעלט די רעכענונג און געזאגט, אז איך זאל ארויפקומען אין דריי טאג אראפצונעמען דעם באנדאזש און אז דאס וועט זיין דער לעצטער באזוך.

אזויפיל דייטש געלט די רעכענונג צו באצאלן האב איך נישט געהאט. האב איך זי געפרעגט צי כ׳קאן פארגלייכן די רעכענונג מיט דאלארן.

„מיט דאלארן?“ האט זי, רויט ווערנדיק, דערשטוינט איבערגעחזרט און מיך אנגעקוקט ווי עפעס איינעם, וואס איז נישט ביים גלייכן שכל. ווען זי האט דערזעען די פאר „לאקשן“ פעכלענדיק צווישן מיינע פינגער, איז זי רויט און שפראכלאז געווארן און ווי א צעמישטע שנעל אריין אין „אויפנאם־

קאבינעט".

ווי טאנצנדיק איז דער דאקטאר אריינגעקומען, זיין בליק א פארבליפט־צעשטראלטער קאנצענטרירט אויף דעם נאך פעכלענדיקן צווישן מיינע פינגער דאלאר, איז צוגעקומען צו מיר: „זא, זא, אמעריקאנער פאציענט? האב די ערע"... צארט־טאפנדיק די אראפהענגענדיקע פאר פאפירלעך ווי קאנזולטירן א מין ווונד־וואונדער — למשל אן אראהענגענדיקע לונג און לעבער פון א נאז! צי איז עס נישט א וואונדער־שפיל פון א פאלש־קינסטלער? האבן זיך בענגאלישע פייערלעך געלאשן און געצונדן אין זיינע פריילעך־קאנסטא־טירטע בליקן: „יא, יא, צוויי פאן דיזען ווירדן זיין פאלקאם גענוג"...

דעם דריטן טאג ביים ארויפקומען אראפצונעמען דעם באנדאזש האב איך מיטגעברענגט א באנבאניערקע, די שענסטע וואס כ׳האב געזען אין געשעפט, די גרעסטע, — וואס איז לגמרי נישט געווען פראפארציאנעל צו דער קליינער גריזשל־אפעראציע. די שוועסטער איז ווידער דערשטוינט רויט געווארן, אבער זי איז נישט מער דערשראקן אריינגעלאפן צום דאקטאר אין אויפנאם־קאבינעט... און זעלבן פארנאכט האט זי מיך בעגלייט ווי „איר פאציענט" אויף מיין האפל־זעע שפאציר.

אויפן שפינאזא־בוך האב איך די גאנצע וואך קיין ענטפער נישט באקומען. יעדן טאג ביים אויפוואכן איז מיין ערשטער בליק געפאלן צו דער שפאלט וואס אונטער דער טיר. פרייטאג האט מיך א קלאפ אין טיר אויפגעוועקט:

„הערר האמיד, זי זינד געוואונשען צום טעלעפאן־אפאראט".

איך בין אויפשפרינגעדיק שנעל ארויס אין קארידאר, און טעלעפאן־רערל איז געווען דאס זעלבע קול, איר קול, אבער גאנץ אנדערש, רואיק, געלאסן, ליבלעך, אביסל אומנאטירלעך־פארפיעשטשעט ווי ביי א גוט דערצויגן קינד אין א יידיש־רייכן הויז — איך בין געווען „העפלעך"־פארבעטן צו זיין איר „שאבאס־גאסט".

## 3

ווי א פופן־שטיבל האט דאס האטעל־צימערל אויסגעזען, ווי פארכשופט, ווי ס׳וואלט געווען אפגעשפראכן פון עפעס א הייליקן שפרוך — די „שלום־עליכם"־מלאכים האבן דערין ארומגעשוועבט. יעדעס ווינקעלע שטראליק־געפעכלט מיט דין־זיידענע טיכעלעך: בלויע, רויטע, גרינע, געל־גאלדענע און אין כלערליי קאלירן. אין דער זייט — ווי ביי א שניידער די ניי־מאשין שבת ביינאכט מיט א ווייס טישטוך — מיט אזא זיידן טיכעלע קוים צוגעדעקט איז געשטאנען א קליין טישל מיט כלערליי קאלירטע בליישטיפטן און פענזיקלעך און קופקעלעך גאלדענע און זילבערנע אויסגעגלעטע פאפירלעך, טאקע צונויפגעקליבענע פון ציגארעטן און שאקאלאדע־שאכטלעך.

און זי אליין ווי די מלכה־שבת, — ווי היינריך היינעס פארוואנדלטע פרינצעסין סאבאט! — אין א שווארץ־סאמעטענעם קאסטיום, פון וועלכן איר פריש־צוגעגלעטער קאפ האט שווארצער נאך ארויסגעגלאנצט בלווילעך־באשטראלט, איז געזעסן ביי א ווייס־געדעקטן טיש מיט צוויי אנגעצונדענע



שבת־ליכט ווי ביי א „צאינה וראינה", ביי דעם שפינאזא־בוך, וואס כ׳האב איך געשיקט — צווישן די צוויי זילבערנע לייכטער — יידישלעכע מסתם ירושהדיקע, — איז געשטאנען דאס שפינאזא־בילד.

אירע צוויי שווארץ־פארטיפטע גרויס־אויפגעריסענע אויגן האבן אויף מיר געקוקט ווי צוויי שווערע פאראגראפן פון דער „עטיק" ארויסגעהויבענע, ווי די צוויי גרויסע קיילעכדיקע אויגן שפיזאזעס אויפן בילד, און זע, איך האב זיי פארשטאנען: „לית אתר פנוי מניה" — — —

א הדרת־קודש האט מיך ארומגענומען — א וועלט־און מענטש פארלאזן קינד, וואס שפילט זיך מיט גאט! יא, און וואס א פארלאזטער גאט שפילט זיך מיט אים...

איך בין „געבליבן שטיין צום צייכן", נשתנה צורה געווארן. זי האט דערשפירט מיין געפיל און מיט קינדיש־פארוואונדעטע אויגן אויף מיר געקוקט:

„איך לערנע דאס, פערשטעהע נישט פיל, שאהן אין שולע וואר שלעכטע שילערין"... „פיליכט העלפסטו מיר אאוס ווי קארלא מיין שול־קאמעראד מיינע שול־לעקציעס"...

„איך בין נאך אן ערגערער שילער געווען... אלץ וואס איך ווייס האט מיר מיין פאטער אריינגעהויכט מיט זיינע ליפן"...

„ערצעהלע פאן דיין פאטער".

„יא, דערציילן פון מיין טאטן?" האבן מיינע אויגן טרויעריק געשמייכלט: וואלט איך נאר געקענט... דאס איז עס דאך וואס איך וויל...

נאך א בילד האב איך תמיד געהאט ביי מיר, זייט אין האלאנד נאך, אין מיין בוזעם־טאש. דאס איז געווען מיין טאטנס פאטאגראפיע.

ער האט זיך קיינמאל נישט געוואלט לאזן פאטאגראפירן, אפילו ווען איך בין אוועקגעפארן און איך האב אים געבעטן דערין. נאר ווען מיין הייליקער ברודער איז נסתלק געווארן און מיינע בריוו אהיים זענען געווארן זער טרויעריק, איינער טרויעריקער פונם אנדערן, האט דער טאטע זיך געלאזן פאטאגראפירן און זי מיר שיקנדיק האט ער אין בריוו געשריבן:

„דער בעל־שם זאגט, טרויעריק זיין איז נישט קיין עבירה, אבער עס קאן חלילה ברענגען צו אלע עבירות. שיק איך עס דיר, אז דיוקנא של אבא זאל דיך מציל זיין".

מיט זיינע געפערלטע אותיות און ווי תמיד אין לשון־קודש האט ער אין דעם לאנגן בריוו נאך געשריבן: „איך האב מיך נישט געוואלט לאזן פאטאגראפירן ווען דו האסט מיך געבעטן דערין ביי דיין אוועקפארן, נישט ווייל איך בין אזא פרומאק, נאר אז מענטשן וועלן זעען מיין בילד, וועלן זיי נאך מיינען חלילה, ווער איך בין און בסך־הכל האב איך מיין צורה געירשנט פון זיידן, זצ"ל. ,לטעות דעת אחרים" ׳ איז שוין יא א בפירושער איסור און ס׳קאן, חלילה, ווערן א פסיל". כ׳האב געזען, אז די יוד אריינגעשריבן אינםווארט, אז ס׳זאל, חלילה, נישט מאכן ׳פסל׳ און געמאכט א ווארטשפיל דערפון ׳פסיל׳...

„—אבער וואס טוט א טאטע נישט מציל צו זיין א קינד?"...

„כ'האב ארויסגענומען די פאטאגראפיע. זי האט זיך אויפגעשטעלט, איר לוסטיק ייִנגליש פנים איז געווארן בלייך. דריימאל האט זי געבויגן דעם קאפ פארן בילד. א שוידער איז מיר אדורך דורכן לייב.

כדי די שטימונג אביסל צו ענדערן, שוועבנדיק זי צוריק צו מאכן האב איך אנגעהויבן:

„איך האב אויך מיין מאמעס בילד, אבער דאס וועל איך דיר נישט ווייזן" האב איך שפּילעריש־שמייכלדיק אנגעהויבן: „ווייל דו וועסט אייפערזיכטיק ווערן, אזוי שיין איז מיין מאמע".

יא, ס'האט געקלאפט! אין דער רגע איז זי אנדערש געווארן. נישט נאר די בלייכע פארב אין פנים האט זיך געביטן, נאר א קנייטש וואס זי האט תמיד פארביסן אין דער זייט פון איר לינקן ליפּ־ווינקל איז בולט ארויסגעקומען:

„וואס, דו ווילסט שאהן דען פרינץ יוסף אייפערזיכטיק מאכן?" און זי האט שפּילעריש־ערנסט טעאטראליש־מאיעסטעטיש געגראזשעט מיט א פינגער. איך בין אבער שוין געוועזן אין מיין שטימונג:

„דו האסט געמוזט זעען מיין מאמע פרייטאג־צו־נאכטס, ווען דער טאטע איז אריינגעקומען נאכן דאווענען אין שטוב אריין א ליכטיק־צעשטראלטער באגלייט פון דריי מלאכים — יא, ריכטיקע דריי הימלישע ענגעלן — און די שטוב האט געלויכטן פון יעדן ווינקעלע, ריכטיק ווי מיין שוועסטער צימעלע האט געזונגען:

„אלע שטיבעלעך אויסגעקערט,
אלע מיידעלעך אויסגעקעמט,
אלע פערדעלעך אויסגעפוצט".

„פאבלהאפּט, פאבלהאפּט", האט איר פנים צוריק אויפגעלויכטן און דער לינקער ליפּן־ווינקל האט זיך צוריק אויסגעגלעט:

„פאבלהאפּט, ווי האסטו געזאגט, ‚צימעלע'? דו האסט איין שוועסטער?" האבן אירע אויגן גענומען גלאנצן און צונויפגעלייגט די צוויי הענט ווי א קינד, וואס וויל פון גרויס באגייסטערונג פּאטשן... וואס וויל זאגן א געבעט? „צימעלע? איזט דיין שוועסטער שען ווי דיין מוטער?"

„איבעררייס דאך נישט, לאז ווייטער דערציילן: און דער טאטע האט אנגעהויבן צו זינגען ‚אשת חיל', קעניג סאלאמאנס ליד".

איך האב געפילט אויף מיר איר אויפגערעגטן פרעגנדיקן בליק.

ניין, נישט „דאס ליד דער לידער", דאס בארימטע ליבע־ליד צו שולמית — אן איינפאך ליד צו דער יידישער האוז־פראו! אבער אלע ליבע־לידער פון דער וועלט קאנען זיך לערנען שרייבן ביי דעם ליד.

איך שפּיר, אז איך האב ווידער אנגערירט א ברומענדיק־שווערע באססטרונע. און נישט איבעררייסנדיק הייב איך אן צו זינגען שטיל, אויף דער קווינטע פון מיין הארץ דעם טאטנס „אשת חיל", מיט דעם ראדאמסקער ניגון,



וואס ציט זיך נאך פון „תפארת שלמה".

איך האב זיכער געהאט דעמלט טרערן אין מיינע אויגן, ווייל אין אירע אויגן האב איך זיי געזעען, און יעצט שרייבנדיק פיל איך זיי נאך אין מיינע.

אין יענער מינוט האב איך דערפילט אלע אירע הארבקייטן און ביטערנישן, אלע אירע בליענדיקע ווייכקייטן און פגימהדיקע שארפקייטן און איך האב זיי איינגעבעט ווייך אין מיינע בליקן ווי טאטנס פגימהלאזן אתרוג, וואס איז געווען איינגעבעט אין ווייכע קאנאפּיעס — זי האט עס דערפילט.

זייט דעמלט האט זיך געצויגן אונזער פריינטשאפט ביז איר לעצטן טאג אויף איר טויטן־בעט אין ירושלים. לויט פריינט ד"ר יעקב מייטליס האט מיר לעצטנס דערציילט, אז לויט ווי ער האט געהערט, זאל זי האבן געשעפּטשעט מיין נאמען אין אירע לעצטע מינוטן.

אלנפאלס אין איר לעצטן בוך, „יערוזאלעם", איז דא א ליד צו מיר, געשריבן מיט דער ווילדעסטער באזארגטקייט פון א מאמע צו א אין דער פרעמד זיך וואלגערנדיקן ווילד־אומבאהאלפענעם קינד.

ווען כ'האב אויפגעהערט צו זינגען, זענען מיר ביידע געבליבן שטיל זיצן ווי צוויי קינדער זיך געגנוג אפּגעשפּילט און מיד, און שרעק באפאלט זיי, ווייל זיי דערזעען פלוצלינג, אז זיי זענען אין שטוב אליין, פארלאזן און פארלוירן.

א קלאפּ אין טיר האט אונז אויפגעוועקט און דערמונטערט. פונם יידישן רעסטאראן, „האן", אויפן נאלענדארף־פּלאץ האט דער אבער אריינגעברענגט צוויי יידישע שטיקלעך פיש און צוויי שבתדיק־געפלאכטענע חלהלעך.

ווי צוויי קינדער, וואס שפּילן זיך אין „פראווען א סעודה", האבן מיר געשניטן אין קאזעלעך־המוציאס די שבתדיקע חלהלעך. און ביי יעדן ביסן פיש האט זי גענומען זיך קרעכן, ווי מיט אראפּגעשלונגענע גרעטן און נאכגעמאכט דער מוטערס קול: „פאפא, גיב אכט אויפן קינד". און איין רהיינלענדיש „שפּאס" נאכן אנדערן „געשניטן" אין אלט יידיש, נאכמאכנדיק דעם שווייצערלענדישן געכארכל.

און דערציילט ווי זי האט זיך אין דער עלבערפעלדער סינאגאגע, אין וואופּערטאל, פאר א ייִנגל פארשטעלט, אז דער שאמאס זאל איר געבן צו טרינקען פרייטאג־צו־נאכטס פונם קידאש־בעכער. און זי האט זיך געהאלטן ביים בויך ווי דער פאטער אירער, ווען ער האט דעם „שפּאס" דער מוטער דערציילט, אהיימקומענדיק פון דער סינאגאגע. ווען מיר זענען שפּעטער געגאנגען אין ראמאנישן קאפע אריין, האבן מיר זיך געוואקלט ווי צוויי ריכטיקע שכורים; ווי זי מיט איר פאטער, ווען זיי זענען אהיימגעגאנגען נאך דעם „שפּאס" פון דער סינאגאגע — אלע אירע „לוסטיקע שטרייכן" האט איר „זעליגער" פאטער מיט איר מיטגעמאכט. „ער איז געווען איין ריכטיגער רהיינלענדער, איין פריילעכער, וואופערן־וועסטפאלער".

אהיימקומענדיק אין פּאנסיאן אריין האב איך מיך דערמאנט אז איך האב ווידער וואכן לאנג נישט אהיימגעשיקט, צומאל נישט קיין פּאסט־קארטל. און

איך האב אנגעשריבן א בריוו דעם פריילעכסטן מסתם, וואס אמאל אהיימגע־שיקט.

ווען כ׳בין אוועקגעגאנגען פונם פענסיאָן אויף דער טעלעפאָן־„איינלאַדונג״ צו זיין דער „שאבאס״־גאסט מיט מיר מיטגענומען דאס ליד „עלזע לאסקער־שילער״, עס איר פארצולייענען. אבער איך האב עס דעמלט אויך נישט פארגעלייענט. עס איז געווען צו לעבעדיק־באוועגלעך, צו שטימונג־שעפעריש יעדע מינוט, עס אויסצונוצן מיט פארלעזן א ליד. צו זאכלעך, צו שרייעבעריש־פראקטיש וואלט עס געווען אין דעם קינדערלעך־געטלעכן שפיל. מיר וואלטן פלוצלינג דערוואקסן געווארן, פארדארבענע געווארן און פארדארבן דאס גאנצע שפיל . . . די חלום־שוועבענדיקע ווירקלעכקייט וואלט מיט איינמאל געווארן אזוי לעכערלעך־באנאל, אזוי וואכעדיק, אזוי מענטשלעך־דערוואקסן און פארשעמט, אזוי זאכלעך־וואכעדיק.

א ליד, ווען מ׳שרייבט עס, איז עס ווי א פייגעלע, וואס פיקט זיך פון דער שאל; ווען מ׳לייענט עס הויך פאר און מ׳מוז נאך א ווארט דערפון פאר־טייטשן אפשר, איז עס ווי א געשאסענע טויב, וואס די פעדערן צעפליען זיך.

זי האט אבער דאס ליד דאך געזען און געלייענט, אבער ערשט מיט א פיר יאר שפעטער, אין א ווערטלעכער איבערזעצונג אויף דייטש פון ד״ר א. זוהל, אין דער „וועלט־בינע״ צו איר פופציקסטן געבוירן־טאג.

דאס ליד אין יידיש האב איך נישט, ס׳איז פארלוירנגאנגען מיט צענדליק און צענדליק אנדערע לידער אויף מיינע וואגלענישן פארלוירן געגאנגען. עס איז אריין אין ביכל „אין רינג דעם סאטורן״ אזאמלונג לידער פון מיר, ארויסגעבן אין דער „ראבן־פרעסע״ אין דער איבערזעצונג פון ע. וועלער.

וועגן דעם אלעם און וועגן דעם „געמאכטן״ איינדרוק אויף איר פון דעם ליד, אם ירצה השם, ערשט אין א הונדערט און איין זייטל שפעטער. לאמיך נאר האבן די כוחות ווייטער אנצוגיין . . .

## דער זעער

זיין מאמע, די עקרה, איר בליק בלויז,
איר שטיל־שווייגנדיק מתפלל זיין,
אים אויסגעבעטן — — פארשוויגט ער און זעט;
זיין בליק פירט ס׳פאלק אין גאטס וועג צו גיין.

געגען זיין ווילן מלכים געזאלבט,
ווייל דאס פאלק א קעניג האט פארלאנגט;
ווי זיין מאמע ס׳טעלערל פון הימל,
אים, ער זיי אלצדינג וואלט ער דערלאנגט.

א קינד, בלינד איז ס׳פאלק ס׳גלוסט זיך רק שפילן,
מיט געשפיצטער שפיז, מיט שארפער שווערט;



צעשניטן, וויינט עס, ווי נאר ווונד פערהיילט,
אויפסניי דאס זעלבע שפיל עס באגערט.

נישט אנדערש, אפנים, אויך גאטס קינדער,
„ככל הגוים״, ווילט זיך זיי אויכעט זיין;
מיט העלד אין פאנצער, מיט קעניג אין קרוין — — —
אז גאט באשטייט, קאן איך אויך באשטיין.

דאס ערגסטע וואס דאס פאלק האט געטון,
אוועקגעקוקט — פארזען דער זעער!
נאר דאס לעבן לאזן דעם אגג׳ן,
נישט געקענט צוזען שוין ער האט מער,

מילא, ווי די שקאאלן די פגרים,
דערשמעקן די קריגער זאקרויב;
זיי ווארטן נישט ערשט אויפן פעלדמארשאלס,
יא־דערלויב, אדער זיין נישט־דערלויב.

גוט, גאט איז מוחל אלץ זיין עם־סגולה!
וואס פארזעט מען דען נישט ווען מ׳האט האלד?
אבער לאזן לעבן עמלקן?
צומאל, ווען גאט אליין עס געוואלט — — — —

ווען אגגי דעם זעערס אויג דערזען,
אויסגעשריגן: „אצינד קומט דער טויט!״
און שמואל דעם עמלק, מיט זיין שווערט,
צעהאקט ווי מ׳צעהאקט א קעפל קרויט;

„ווי דו מאמעס פון זייערע קינדער,
בארויבט האסט מיט דער שארף פון דיין שווערט,
אזוי דיין אייגענע מאמע אצינד,
קינד־פארשניטן, אן עקרה ווערט״.

און שאולן, ווי ליב אים געקראגן,
אן אייגן קינד, זיין געשטאלט ווי שיין,
זייט דעמלט אים נישט געקענט אנקוקן,
ביז געגנידערט אין קבר אריין —

נישט נאר דער קעניג מרה־שחורהדיק,
ער אליין פון בענקשאפט עס געוועןֹ!
יא, אלץ געקענט פארקוקן, בלויז די זינד,
ס׳האט דער זעער נישט געקענט פארזען.

ראה געוועזן — שופט געווארן!
אז אזוי ווייט עס קאן שוין דערגיין,

מיט עמלק־אגגי אויג אויף אויג,
א ישראל מלך זאל זיך פארשטיין ? . . .

## פאליטיק און סטראטעגיע

1

בר־כוכבא דער נאמען געווען,
פון גבור קייגן רוים געגאנגען ;
בר כוזבא זיין נאמען געווארן,
געפאנגען, אויף גאלגן געהאנגען —

ווערט פארלאשן דער מארגן שטערן ?
זאגט נאר אן : זון איז אויפגעגאנגען !
און אויב נישט פינסטער ווערט, וויאזוי,
ס'טעלערל פון הימל דערלאנגען ?

2

נישט גענוג איז גולם מיט שם אונטער צונג,
אראפגעריסן און — שטיק ליים בלייבט ליגן !
נישט נאר צאן פאר צאן, צומאל מארד ווערט באצאלט,
וואס מערער „גוטמאכונג" ארויסצוקריגן.

גרענעץ־לאז די נקמה פאר מיליאנען —
רויך דורך קרעמאטאריע־קוימען געשטיגן !
פון איין שטיק שטאל אויסגעשמידט רויט־ארמייער,
וואס מערער דער מערדער באצאלט זאל קריגן.

וויאזוי די וועלט שיצן פון די לאנץ־קנעכט
דאס לאזן שוין די רויטע ארמיי איבער ;
פאליטיק איז מילא . . . אבער סטראטעגיע ? !
פויסט געשטרעקט פון די גבורים דער גבור.

ווילאנג די רויטע ארמיי שטיין אויף דער וואך,
איינגעלייגט ליגט גוג־מגוג געוואר־שיבער ;
מיט אלע גערמאנישע כיטרעקייטן,
נישט די גרענעץ — אויף יענער וועלט אריבער.

3

אז רויט איז די פאן און בלוט איז רויט,
וויאזוי קאן מען דערקענען,

צי באפרייער, צי גאר טיראנען,
די רויטע פאן־טרעגער זענען ?



אז א שעיר לעזאזל נאך,
באפרייער מוזן געברויכן,
שמעקט די רויטקייט מיט זידיק בלוט,
וואס עס זאל נישט זיין דער תוכן.

ווי באפליגלט די גרויסע ווערטער,
זיי זיינען נאר צו פארדעקן,
א ווינד־און־וויי צעפלאטערטע פאן,
רויט פון אזויפיל בלוט־פלעקן.

## ד י א ל א ג

א.

— אז אלע מענטשן זאלן ווערן פארברודערט,
דערפאר אפשר אויסמישן אונזער בלוט מיט זיי ?
— אבער צי זיינען נישט קין און הבל,
שוין ריכטיקע בלוט־ברידער געווען די צוויי,
און קין הרגעט הבלען, זיין טויט פארלייקנט,
ביז גאט געהערט פון טויטן ברודער דאס געשריי.

ב.

— אדער איידער ווידער אונזער בלוט פארגאסן,
פארקרובעט ווערן ס'איז אפשר כדאי ?
אויסגעמישט, פארשוואונדן און פטור אן עסק,
גיי געפין אונז אויס אין דעם געמיש אלערליי.
— אין ערגסטן טויט אומקומען א סך בעסער,
ווי צו ווערן א מערדער ווי איינער פון זיי.

ג.

— רעג מיך נישט אויף, אליין כ'קאן ווערן א מערדער,
אז וואס רעדסט דו, דיינע ווערטער אליין פארשטיי,
דיין ווילדע חוצפה, דיינע איינרעדענישן !
אז ווער זאג מיר, ביז דו און ווער זיינען זיי ?
— רוצח מוז בלייבן דער וואס נישט דערהערט,
דעם „לא תרצח" געהערט אויפן הר־סני.

## צו אונזער ביידע לשונות

צי גרויס זיינען די נביאים,
אז זיי זאלן בלויז אונז געהערן ;

מ׳האט זיי אלע פעלקער פארשענקט,
אנשטאט מיר אליין זאל זיך מערן.

אויפגעציטערט אבער די ערד,
ישעיהן אויף גויאיש צו הערן;
איבערגעזעצט, צומאל פארטייטשט,
עס קאן נאר מעלה־גירהט ווערן.

(אנדערש די ענגלענדער געטון,
מיט זייער שעקספירן דעם גרויסן,
ווי נאר אן ארט זיין לשון מ׳רעדט — —
נאר נישט דאס־א בין איך איצט אויסן.)

ווייניק מיר געבליבן אצינד,
אבער דאך מיר לאזן זיך הערן;
זאל ס׳ביסל וואס דאך געשריבן,
נישט אינגאנצן צעריבן ווערן.

אך און ווי ווען דאס שרייבן באלד,
געמעלה־גירהט ווידער צו קערן;
נישט נאר ווייניקער אזא פאלק —
חלילה נאך אינגאנצן אויפהערן.

## מאקסים גארקי

(צום 100׳סטן געבוירן־יאר)

די גוטסקייט וואס פונקלט פון זיינע אויגן —
קוואלן וואס רייסן זיך פון פעלדזן־ריסן;
אונטער זיינע שטיל־סודותדיקע וואנסעס,
צווישן זיינע פארהאקטע ציין פארביסן —
אין ווי סטן ווילדן וואלד א פארציקטער הערש,
צאפלט אויף פון וועלט און מענטש דאס געוויסן.

און ווען טרערן פאלן אים פון די אויגן —
אויף ווייטן סטעפ פריש פאלנדיקער רעגן!
דער ראזמאך פון א פויער־האנט ביים פערזיי,
אין יעדער שורה מען פילט זיין אויפרעגן —
געלאדענע מיט דער פרייד פון דער זשניווע,
סנאפעס געלאדן אויף דראבינע־וועגן.

מיט אזא קאסא־בלאנקן קאסאקע־בליק,
איבער סטעפ אין פעלדז וואגלדיק געפלויגן,
דערזען ר׳האט דעם כוח פון פאלק און געבעטן:



גאט, מיט בלינדן טרערטן דעם פיילן־בויגן
נאך טרעפן די געוואלטיק הויך־פליענדיקע,
אויסצופיקן זייערע אדלער אויגן.

## דעם קאצקערס תפילת זכה

ס׳גלוסט זיך פשוט אן עבירה טון
ווען מען זעט א ייד זיך קאלפן „על־חטא“;
מיט יעדן טראסק אין הארצן אריין,
ר׳וואלט גאט איבער דער בארד געטון א געלט.

ממש א מורא אין יום־כיפור,
קומען אין קאצק אין בית־מדרש, אין שיל;
גארנישט געוווסט, אז אין אונזער שטאט,
רחמנא ליצלן רשעים אזויפיל.

וואס זיי רעכענען דאס נישט אלץ אויס,
אין דעם תפילת־זאקעלע אליין שוין;
גיי ווייס, אן אויסגעדארטס, הויט און ביי,
און וואס אלץ ס׳טוט נישט אפ אזא פארשוין.

ווי פון צעריסענע ארבעס־זעק,
פול געשטאפטע שיט זיך און שיט;
עס הערנדיק ס׳וואלט רויט געווארן,
א קאזאק יאגנדיק אין ווילדסטן ריט —

וואלט נישט א סך גלייכער געוועזן,
בפרהסיה צו באגיין ס׳ביסל זינד,
און בצינה זיך קלאפן על חטא — —
אז וואס טראכט נישט דער שטן זיך אצינד:

„וואס האבן נישט ס׳ביסל קאצקער יידן,
נישט געמוזט אפטון הייאר — א שרעק!
הער נאר חטאים, ווילד אויסטערלישע,
און צו דעם קלאפן ס׳נעמט גארנישט קיין עק“.

א פויסט צום על־חטא קלאפן? — אזאשע!
מיט מיין האנט דעם שטן ווייזן א פייג!!
און זאל ער זיך רייסן דער כלב,
געזינדיקט? כ׳בין נישט קיין מענטשעלע פון טייג.

הימל־שרייעריש, איינרייסעריש,
אויסרעכענען וואס נישט אין דער קארט?
אויפן הימל־יריד מיך שטעלן,
און ווי א פויער גאט גלעטן ביי דער בארד?

חלילה וחס, היה לא תהיה!
אפן ווי א בוך אין מיין הארץ פאר גאט,
און זאל ער אריינקוקן דערין,
און ווען, אפילו א לב־אכזר ער האט —

## שארל באדלעיר

### דער נאר און די ווענוס

וואס פאר א וואונדערלעכער טאג עס איז! דער גרויסער גארטן האלט אין איין חלשן אונטערן ברענענדיקן אויג פון דער זון ווי די יוגנט אונטער דער באהערשונג פון ליבשאפט.

דער אלגעמיינער עקסטאז פון כלערליי זאכן דריקט זיך אויס אן שום גערויש; אפילו די וואסערן אליין זענען ווי איינגעשלאפן. הגם עס איז גאנץ אנדערש פון מענטשלעכע פייערלעכקייטן, זעט עס אבער אויס ווי א שטילע ארגיע.

מ׳וואלט געקאנט זאגן, אז א כסדר וואקסנדיק ליכט מאכט אלץ שימערן מער און מער; אז די גערייצטע בלומען ברענען מיט א פארלאנג צו קאנקורירן מיטן בלוי פון הימל דורך דער קראפט פון זייערע פארבן און אז די ווארעמקייט, וואס מאכט באשיינפערלעך די ריחות, העלפט זיי זיך צו דערהויבן צום שטערן ווי רויך.

דאך האב איך אין אט דעם אלגעמיינעם געווּס באמערקט א געפייניקט נפש.

צופוסנס א קאלאסאלער ווענוס, א געקינסטלטער משוגענער, איינער פון יענע נאראנים, וואס דארפן מאכן מלכים לאכן בשעת חרטה אדער לאנגווייל פלאגן זיי, פארקליידט אין א גלענצנד־לעכערלעך קלייד, אינגאנצן איינגעבויגן ביים פיעדעסטאל, הויבט אויף די אויגן, פולע פון טרערן, צו דער אומשטערבלעכער געטין.

און זיינע אויגן זאגן: — „איך בין דער לעצטער און עלנטסטער צווישן מענטשן, בארויבט פון ליבשאפט און פריינטשאפט, פיל נידעריקער אין דער הינזיכט און אין א פיל ערגערן מעמד ווי די חיות. דאך בין איך אזוי באשאפן, טאקע איך אליין, צו באנעמען און צו פילן די שיינקייט! א, געטין, דערבארעם דיך איבער מיין טרויער און מיין שגעון!“

אבער די קשה־לרצותדיקע געטין קוקט אויף עפעס אינדערוויטנס, כ׳ווייס נישט אויף וואס, מיט אירע אויגן פון מארמאר.

### די מעשים טובים פון דער לבנה

די לבנה, וואס איז דער קאפריז אליין, האט אריינגעקוקט דורכן פענסטער בשעת דו ביסט געשלאפן אין דיין וויגעלע און צו זיך געזאגט: „אט דאס קינד געפעלט מיר“.



און זי האט ווייך אראפגעגנידערט די טרעפ פון די וואלקנס, און אן א שארך אריין דורך די שויבן. דערנאך האט זי זיך אויסגעשפרייט איבער דיר מיט דער נאכגיביקער צערטלעכקייט פון א מאמען, און ארויפגעלייגט איר קאליר אויף דיין פנים. דיינע שווארצאפלען זענען פארבליבן גרין, און דיינע באקן אויסערגעווינטלעך בלייך. ס׳איז פון באטראכטן אט די באזוכערין, אז דיינע אויגן זענען געווארן אזוי מאדנע גרויס; און זי האט אזוי דיר צערטלעך געדריקט דעם האלז, אז דו האסט דיך תמיד געהיטן פונם חשק צו וויינען.

דערווייל האט די לבנה, מיט דער אפנהערציקייט פון איר פרייד, אנגעפילט די שטוב ווי א פאספאר־אטמאספערע, ווי א לויכטנדיקער גיפט; און אט דאס גאנצע לעבעדיקע ליכט האט געטראכט און געזאגט: „דו וועסט אויף אייביק ארונטערפאלן דער השפעה פון מיין קוש. וועסט זיין שיין אויף מיין אופן. וועסט ליב האבן וואס איך האב ליב און וואס האט מיך ליב; דאס וואסער, די וואלקנס, די שטילקייט און די נאכט; דעם געוואלדיקן און גרינעם ים; דאס וואסער אן א פארם און מיט פיל פארמען; דאס מקום וואו דו וועסט קיינמאל נישט זיין; דעם ליבהאבער וואס וועסט קיינמאל אים נישט קענען; די שווידערלעכע בלומען; די ריחות וואס פירן צו שגעון; די קעץ וואס פאלן חלשות אויף פיאנאט, און וואס זיפצן ווי ווייבער מיט א הייזעריק און זיס קול!

„און וועסט זיין געליבט פון מיינע ליבהאבער, ווער עס שמייכלט צו מיר וועט שמייכלען צו דיר. וועסט זיין די מלכה ביי מענער מיט גרינע אויגן, וואס אויך זיי האב איך געדריקט דעם האלז, גלעטנדיק זיי ביינאכט; פון אט די וואס האבן ליב דעם ים, דעם געוואלדיקן ים, דעם רוישקן און גרינעם, דאס וואסער אן א פארם און מיט פיל פארמען, דאס מקום וואו זיי געפינען זיך קיינמאל נישט, די פרוי וואס זיי קענען קיינמאל נישט, די אומהיימלעכע בלומען וואס זעען אויס ווי קטורת־פאנען פון אן אומבאקאנטער עבודה, די ריחות וואס באאומרואיקן דעם רצון, און די ווילדע און תאוותדיקע חיות וואס זענען סימבאלן פון זייער שטות“.

און דערפאר איז עס, דו פארשאלטן און פארדארבן טייער קינד, וואס איך ליג איצט פאר דיינע פיס, זוכנדיק אין דיין גאנץ וועזן דעם אפגלאנץ פון אט דער פארכטערלעכער געטין, פון דער נבואות־זאגנדיקער נאמען־געבערין, פון דער פארגיפטנדיקער פלעגערין פון אלע לבנה־פארבלענדטע.

איבערזעצט פון פראנצויזיש, א. אלמוג

## אייזיק גאלדבערג

### י. ל. פּיין פינף און אכציק יאר - יונג!

וויל מען געבן אן אפשאצונג איבער א בעל־יובל, מוז מען, פארשטייט זיך, זוכן די פאסיקע ווערטער, אז יענער איז, למשל, א פיינער מענטש אדער א זער פיינער מענטש. אבער אין שייכות מיט אונזער בעל־יובל ברויך מען

נישט לאנג צו זוכן אט אזעלכע ווערטער, ווייל דער נאמען זיינער אליין, „פיין״, באצייכנט שוין דאס אלץ . . .

אין וועלכן קרייז מען זאל נישט דערמאנען דעם נאמען פיין, איז ער דארט קיינעם נישט פרעמד און יעדער איינער האט עפעס א גוט ווארט אויף זיין חשבון צו זאגן.

נאך ביים אנפאנג פון איצטיקן יארהונדערט איז ער באלד זער פאפולער געווארן אין די יידישע קרייזן אין ווייטשעפל בעת דער עמיגראציע־שטראם אהער איז אזוי גרויס געווען. דעמאלט האט י. ל. פיין זער פיל אויפגעטון צו העלפן די אימיגראנטן זיך דא איינצוארדנען און אויך יענע, וואס האבן בדעה געהאט צו פארן ווייטער.

אחוץ דעם איז ער געווען זער טעטיק אין דער ארבעטער־יוניאן באוועגונג, ביי די „מענטל־מייקערס״ און אויך פיל זיך באטייליקט אינם קולטור־ליטע־ראַרישן לעבן. זער אפט האבן זיינע רעפעראטן און קלארע מיינונגען ארויסגע־רופן גרויס אינטערעס, איבערהויפט ווען עס האט זיך געהאנדלט אין פאליִ־טישע, סאציאלע אדער קולטור־פראבלעמען, וואס האבן אנגערירט דאס יידישע לעבן בכלל. אונזער בעל־יובל איז אויך תמיד געווען באטייליקט ביי די יידישע ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס מיט זיינע גוט־פארטראכטע רעפעראטן.

אחוץ זיין אלזייטיקער ארבעט און קולטור־טעטיקייט, האט ער אויך א שרייבערישן טאלענט מיט א קלארער וויזיע. אט דעם איינדרוק באקומט מען לייענענדיק זיינע ארטיקלען, עסייען און ליריש־סאטירישע לידער און פאעמען. עס איז בלויז א שאד וואס ער האט אזוי ווייניק געשריבן. מסתמא האט ער געהאט צו ווייניק צייט צום שרייבן, אבער מיט אט דעם ווייניקן האט ער זיך דאך פאפולער געמאכט אין די יידישע קוטלור־קרייזן.

באזונדערס האט ער נושא־חן געווען ביי דעם איידעלען טייל, ביי די פרויען, הויפטזעכלעם פון סערקל־הויז מיט זיין רעדן, אזוי, אז מען איז פון אים באגייסטערט געווען און אלע האבן פון אים געהאלטן פאר א קלוגן, איידעלען מענטש, ביי וועמען מען קא פיל עלרנען.

מיט איי ווארט, י. ל. פיין האט דערגרייכט זיין קלימאקס. נישט בלויז האט די יידישע געזעלשאפט אים געשעצט, נאר ער האט אויך געפונען אנער־קענונג אין ענגלישע קרייזן אלס א וויכטיקע פערזענלעכקייט. האט ער באקומען פונם קעניג די אויסצייכענונג „עם בי אי״ און אויך דעם אמט פון פרידנט־ריכטער „דזשאסטיס אף פיס״.

נישט האבנדיק געלעבט אזוי לאנג ווי י. ל. פיין, דא אין לאנדאן איז עס מיר נישט מעגלעך אויסשעפלעך צו באשרייבן זיין לאנג־יאריקע טעטיקייט. רעכן איך טאקע, אז פריינט י. ל. פיין וועט מיר מוחל זיין מיין באשיידענעם אויספיר. עס איז אבער פאר מיר קיין ספק נישט, אז ווען מען וועט שרייבן איבער דער עפאכע פון די לעצטע זעכציק יאר יידיש לעבן אין לאנדאן־וויט־שעפל, וועט י. ל. פיין פארנעמען אין אט דער געשיכטע א באדייטנדיק ארט.





## אן אויסערגעווענלעכע שול צערעמאניע

די „יוניִיטעד״ האט פאריגע וואך מחנך געווען אנייע שול אין איינעם פון די סאמע ארימסטע געגענדן פון לאנדאן. די צערעמאניע איז דורכגעפירט געווארן מיט אלע פיטשיוקעס פון חשוב׳ן דיין ר׳ מאיר שטיינבערג און פון רעווערענד ג. בערגמאן, ב.א., אבער די שטימונג ביי אט דער רעליגיעזער צערעמאניע איז געווען א געדריקטע; גאר ניט קיין יום־טוב־דיגע.

צו אט דער צערעמאניע איז געקומען די גאנצע קהילה וואס באלאנגט צו אט דער באטרעפענדער שול, און אט די גאנצע קהילה באשטייט איצט פון סך הכל צוועלף אידן. אבער אפילו אט די צוועלף, זאגט מען, זענען אויך צופיל, ווייל ס׳איז אזא סארט קהילה אויף וועלכער מען זאגט ניט „כן ירבו״ (ס׳זאל זיך מערן) און מען איז צופרידן אז די קהילה איז קלענער.

אחוץ די צוועלף מיטגלידער פון שול זענען אויך געווען צוועלף געסט, שוין איינגערעכנט דער דיין און דער רעווערענד, און צווישן אט די געסט איז אפילו געווען איינער ניט קיין איד, און גראד ער — דער קריסט — איז געווען דער גאנצער בעל הבית פון דער קהילה און פון דער שול. איר מעגט זיין זיכער אז אויף אט דער שול וועלן הוליגאנעס קיין סוואסטיקעס ניט אנשמירן, און אז די ווערטער — „אוּאַט וויטה דהי דזשוס״ (אידן־רויס) וועלן אויף די ווענט פון אט דער שול קיינמאל ניט דערשיינען, ווארום טראָץ דעם וואס די קהילה פון אט דער באטרעפענדער שול וואלט גראד יא געוואלט אז מען זאל זיי ארויסטרייבן פון דארט. אט די קליינטשינקע שול־כעלע וואס האט אן ערך ניט מער ווי 30 פלעצער, איז מער געזיכערט קעגן אנטיסעמיטישע הוליגאנעס ווי די גרעסטע שולן פון לאנדאן, פשוט דערפאר ווייל סיי די שול, און סיי די קהילה וואס באלאנגט צו דער שול, ווערן אפגעהיט טאג און נאכט פון שטארקע, ניט אידישע שומרים . . .

איך פיל אז איר, חשובע לייענער, ווערט שוין אומגעדולדיג און איר ווילט וויסן וואס פאר אסארט שול דאס איז, און וואו איז עס די קהילה אין לאנדאן מיט א קריסטלעכן מנהיג און משגיח. נו, וועל איך אייך ניט ציען מער די עצמות און אייך גלייך זאגן אז די שול איז אין לאנדאנער פענטאוויל פריזאן, (תפיסה) און דער ניט אידישער בעל הבית איז — דער גאווערנאר פון פריזאן, מר. ג. ד. וואדילאוו.

די איינדרוקספולע צערעמאניע האט זיך אנגעהויבן מיט דער פראצעסיע פון דיין שטיינבערג און רעווערענד בערגמאן, אנגעטאן אין לאנגע טליתים מיט זילבערגעהאפטע עטרות. זיי האבן ארויסגעטראגן די צוויי ספרי תורות מיט די שענע זילבערנע עץ־חיים׳ס פון די באארד־רום פון פריזאן, און געפירט די פראצעסיע פון די געסט צום שול. די שול געפינט זיך אויפן ערשטן שטאק פון פריזאן, און אום צו דערגרייכן אהין מוז מען דורכגיין דעם הויפט פאטראל־צענטער און ארויפשטייגן אן אייזערנע שפיראל־טרעפ, וואס איז אזוי שמאל אז מען קען נאר גיין איינציגווייז אויף דעם. די טרעגער פון די ספרי־תורות

זענען, נאטירלעך, געגאנגען פאראויס, נאכגעפאלגט פון גאווערנאר; פון מר א. לייאנס, מ.ב.ע., דער טשערמאן פון דער פריזאן וויזיטינג קאמיטע. דאן האט נאכגעפלאגט דער שרייבער פון אט דעם ארטיקל; מר. א. ה. .סילווערמאן — דער סעקרעטאר פון די „יונייטעד סינאגאג וויזיטיישאנס קאמיטע"; מר מ קאהען — דער דעפיוטי צו רעוו. בערגערמאן, און די אנדערע געסט, ווי אויך א פרעס רעפארטעראון א פאטאגראפער.

דער גאווערנאר האט אויפגעשלאסן די הויפט טיר, און אזוי גיך ווי דיין שטיינבערג און רעוו. בערגערמאן האבן זיך באוויזן מיט די ספרי תורות האבן די פריזאן וועכטער, מיט גרויס רעספעקט, סאלוטירט און געבליבן שטיין שטייף ביז די גאנצע פראצעסיע איז פארבייגעגאנגען. די קהילה פון די צוועלף ארעסטירטע איז שוין געווען אינווייניג, אין שול, אנגעטאן אין זייערע טונקלבלויע פריזאן קליידער, מיט די פלאכע היטלען ווי מאטראזן, מיט די פנימער צום ארון קודש, און זיי האבן זיך די גאנצע צייט ניט אומגעדרייט, ווייל דער פאטאגראפיסט איז נאר דערלויבט געווען זיי צו פאטאגראפירן פון הינטן, אבער ניט די פנימער... צוקומענדיק צום שוועל פון שול, האט דיין שטיינבערג אויסגערופן האלטנדיג די ספר תורה — „פתחו לי שערי צדק אבא בם ואודה יה" — עפנט פאר מיר די טויערן פון גערעכטיקייט איך וויל אריינגיין דארט און לויבן גאט). און די צוועלף פון דער פענטאוויל קהילה האבן נאכגעזאגט דעם פסוק; אויך זיי האבן געוואלט אז די — טויערן זאלן זיך עפנען — אבער ניט אויף אריינצוגיין נאר אויף ארויסצוגיין... דער דיין און דער רעווערענד האבן צוגעבראכט די ספרי תורות צום ארון קודש, און דיין שטיינבערג האט אנגעפאנגען די תפילות מיט — „מה טובו אוהליך יעקב ומשכנותיך ישראל" — ווי גוט איז דיין געצעלט יעקב און דיין וווינונג ישראל). אבער די יאנקעלס און די ישראלס פון פענטאוויל האבן זיך אודאי געקלערט: — ווען דער חשוב'ער דיין זאל געווען אנקוקן אונזערע קליינע פינצטערע צעלען מיט די אייזערנע גראטעס וואלט ער, אפשר, אזוי הארציג דעם מה טובו ניט דעקלאמירט...

* * *

מען האט געזאגט נאך תפילות ווי צ.ב.ש. מזמור שיר חנוכת הבית; הללויה, און אנדערע. רעווערענד בערגעמאן האט געדאווענט מעריב; מען האט געזאגט די תפילה פאר דער קעניגליכע פאמיליע און אויך פאר מדינת ישראל, און צו לעצט האט דיין שטיינבערג פארגעזעצט דעם „ויהי רצון מלפניך" פון תפילת שחרית. און ווען ס'איז געקומען צו די ווערטער — „ואל תביאנו לא לידי חטא ולא לידי עברה ועון ולא לידי נסיון, והרחיקנו מאדם רע ומחבר רע" — (זאלסט אונז ניט ברענגען צו קיין זינד, צו קיין פארברעכן און צו קיין נסיון, און דערווייטער אונז פון שלעכטע מענטשן און שלעכטע חברים). האב די מתפללים פון פענטאוויל עס נאכגעזאגט מיט גרויס כוונה, און דעם גאווערנאר, וועלכערהאט נאכגעפאלגט דעם נוסח פון דער תפילה אין ענגליש,



איז אט דער „ויהי רצון" זער געפעלן געווען.

* * *

מיטן זינגען „אדון עולם" האט זיך די צערעמאניע פארענדיקט, און איידער מיין ארויסגיין האב איך ווידער אמאל באטראכט אט די שול. א שענער ארון קודש מיט א נייעם אויסגעהאפטן פרוכת; איבערן ארון קודש זענען איינגעפאסט די „עשרת הדברות" (די צען געבאט) אויף לשון קודש און פון ביידע זייטן זענען אויך איינגעפאסט די „טען־קאמאנדמענטס" אויף ענגליש. איך באטראכט די צוויי גרויסע פענסטער פון שול מיט די דיקע אייזערנע גראטעס און איך פרעג זיך: — מה נשתנה? אין א געווענליכערשול זענען דא בלויז צוויי לוחות מיט איין „עשרת הדברות", און אין אט דער שול זענען דא זעקס לוחות און דריי מאל די צען געבאט... און צו וואס דארף מען איבערהויפט די צען געבאט אין אזא שול וואס איז ארומגערינגלט מיט אייזערנע גראטעס? מענטשן וואס זיצן הינטער שלאס און ריגל דארפן ניט האבן די צען געבאט זיי צודערמאנען וועגן — לא תרצח, לא תנאף, לא תגנב, לא תחמוד, א.ז.וו. אז מען זיצט הינטער אייזערנע גראטעס קען מען ניט גנבנען, גזלנען, יענעמס ווייב ניט פארפירן, א.ד.ג. די צען געבאט זענען אויפן פלאץ אין די שולן ווו די בעלי מתפללים גייען ארום אויף דער פרייהייט, אבער ניט פאר די וועלכע זיצן הינטער גראטעס און זענען באוואכט טאג און נאכט...

אבער וואס טויג דא פילאזאפירן. אזוי איז עס און אזוי וועט עס זיין. ווו ס'זענען דא אידן מוז זיין די עשרת הדברות, ווייל אן דעם וואלטן מיר קיין אידן געווען...

## שידאן

## חשבון הנפש

ביי יידן האט, זינט קדמונים, זיך איינגעבירגערט די טראדיציע, אז לכבוד ראש השנה ווערט אונטערגעצויגן א סך־הכל פון די אפגעטוענע מצוות און מעשים טובים אין משך פון דעם פארלאפענעם יאר. דער דאזיקער מנהג ווערט אויך אנגעוואנדן פון יידן אין מלכות ענגלאנד. אבער־גאט איז אן עדות, אז די האנט באוועגט זיך פלעגמאטיש, ווייל דער חשבון וועט, צום באדויערן, שטארק אונטער־הינקן, און דער סך־הכל וועט ארויסקומען א נעגאטיווער!

מיט א דריי צענדליק יאר צוריק, ווען דער שרייבער פון די שורות האט, ווי א פליט פון דעם נאציזירטן טשעכאסלאוואקיי, באטראטן דעם ענגלישן באדן, האט אין ווייטשעפלער קווארטאל געשפרודלט א פולפארביק יידיש לעבן! די גאסן און געסלעך האבן ממש געראיעט מיט יידן. די שולן און בתי מדרשים זענען געווען געפאקט מיט יידן. יידיש לשון איז געווען די דאמינירנדע שפראך פון יונג און אלט; עס זענען דערשינען צוויי טעגלעכע יידישע צייטונגען „די צייט" און „אוונט נייעס", א חוץ צוויי יידישע וואכנבלעטער. עס

זענען געווען טעטיק צוויי יידישע טעאטערס, וואס האבן געגעבן טעגלעכע פארשטעלונגען — אפילו אונטער דעם אקאמפאנימענט פון די נאצישע עראפּלאנען, וואס האבן באהאגלט די שטאט מיט באמבעס און גורם געווען מוראדיקע שאדנס צו הייזער — אחוץ הונדערטער מענטשלעכע קרבנות.

מיט איין צענדליק יאר שפעטער, זענען די פולצאליקע שולן, בתי מדרשים און חסידישע „שטיבלעך", געווארן שיטערער מיט מתפללים און מען האט שוין געמוזט מצרף זיין א בר־מצוה בחורל, וואס זאל „קאמפלעטירן" דעם מנין... אבער איצט דארף מען שוין זוכן מיט ליכט א יידן, וואס זאל זיך וועלן „אנגאזשירן" אין דער „מענאזשעריע" פון די „עשרה בטלנים", כדי עס זאל צונויפגעסטריגעוועט ווערן א מנין יידן, וואס זאלן „באשיינען" דעם אימשטיינסגעזאגטן „סערוויס"...

יא. די „עשרה בטלנים" זענען שוין, ב"ה, „אויסגעגרינט" געווארן, און זיי זענען חלילה, ניט זשעדנע צו פארדינען א זייטיקן גראשן — אלס בטלן פון א מנין! „נאו סער!"... דער אויסגעגרינטער יידל האט פרנסה בריוח אן ער איז מער ניט אנגעוויזן אויף דער זייטיקן „דזשאב", ווייל ער האט זיך שיין „ארויפגעארבעט"! געווארן דער אייגנטימער פון א „פעקטארי" — און ער איז אויך דירעקטאר פון א „לימיטעד קאמפאני", „יו נאו"...

דער אמאליקער „בטלן" פארמאגט שוין צוויי — און אפילו 3 אייגענע „קארס" — פאר זיך, פאר זיין פרוי און פאר דעם עלטערן זון, דעם קדיש, וואס האט א קריסטלעך „גוירל פריינט", אדער די איינציקע טאכטער, וואס האט א קריסטלעכן „באי פריינט"... און איבער הונדערט יאר, וועלן זיי ירשהנען די גרויסע ירושה, וואס זייער פאטער, דער „אויסגעגרינטער בטלן", האט צוזאמענגעשארט פון זיין יארנלאנגער „פראצע"!

אוי, ווי „אויסגעגרינט" זיי זענען געווארן, אונדזערע אמאליקע „היימישע יידן", וואס האבן גע׳מעלה־גרה׳ט־רק יידיש, ווייל זיי האבן ניט געקאנט — און זיי קענען עד־היום ניט־קיין אנדער לשון — רק יידיש. אבער די דאזיקע יידן לייענען מער ניט קיין יידישע צייטונג, ווייל ס׳איז ניט „פעשאנעבל" זיך צו ווערגן מיט א יידיש ווארט, במחילה...

אנימלט האב איך באגעגנט אזא מין ייד — דעם געוועזענעם „צענטן צום מנין", אין א ווייטשעפלער שולעכל, וועלכער האט זיך שיין „ארויפגעארבעט". געווארן — ווי מען זאגט אויפן אמעריקאנער לשון — א „ביג שאט" — און ער וווינט איצט אין א „פאשאנאבל" דיסטריקט און צפון לאנדאן. דער דאזיקער „אמאליקער בטלן" איז איצט א מיטגליד אין א „פאשאנבל קלוב", ווו עס פארקערן „לויטער „פערפעקטע דזשענטעלמענס", ווו מען רעדט וועגן „ווישטשיגעס" פון „פעשאנעבלע סוסים", און מיין געוועזענער בטלנ׳ישער שכן פארט־בעסער געזאגט ער „פירט" זיין „דיימלער קאר" צו די „אסקאט" און „דערבי"שע פערד־געיעגן, אין דער באגלייטונג פון זיין „מיסעס", אנגעטאן ווי „חוה׳לע צום גט", במחילה...

אוי, פאטער זיסער, ווי אונדזערע יידן האב זיך „אויסגעגרינט", און ווי



פאר׳מגושמ׳ט זיי זענען געווען — מיט דעם כוח פון דער אפּותיקא! ווי זיי האבן פארלוירן דעם יידישן צלם אלהים! און פונדעסטוועגן שטערט זיי גארניט צו ווערן פרעזידענטן און גבאים פון סינאגאגעס און זין פירן דאס „גרויסע ווארט" אין די ענינים פון אויפנעמען א נייעם רב אדער חזן אין דעם מקום קדוש: ווי דער עם הארץ איז געוואר דער גאנצער דעה־זאגער!

ס׳איז טאקע די צייט פון תשובה און פון מאכן דעם פערזענלעכן חשבון הנפש. אבער ס׳איז אויך די צייט אריינצוקוקן־כאטש איינמאל אין יאר — אין דעם „קרומען שפיגל" פון אונדזער אויסגעליידיקטן — ביז צום סאמע דנא יידיש ןלעבן, פון וועלכן ס׳איז איבערגעבליבן א מיאוסער, פארהויקערטער שאטן פון אונדזער לעבן!

## מאיר באגדאנסקי

# כצל עובר

*ביים פרישן קבר פון הענעך לעווקאוויטש*

ערשט געווען — און נישטא שוין מער... א מענטש ווי אלע מענטשן; זיך געהיצט, געאמפערט און דאך א פריינט, אן ערלעכער מענטש.

א מיטגליד פון „בונד" פון זיינע יינגסטע יארן; א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש לשון" די גאנצע צייט וואס ער איז געווען אין לאנדאן.

יעדן שבת (קיינמאל נישט פארפעלט) געקומען צו די שבת נאכמיטאגס און געווען אנוועזנד אויף יעדער יידישער קולטור אונטערנעמונג.

געבארגט א בוך; אויסגענומען דערביי א תנאי אז ער וועט עס האלטן זייער לאנג, ווייל ער האט עס געוואלט גרינטלעך אדורכליינען — און צוויי טעג שפעטער שוין געווען טויט.

אדורכגעמאכט אלע שבעה מדורי גיהנום ביי היטלערן און אין דעם גיהנום גופא באוויזן ארויסצוהעלפן די וועלכע האבן זיך געבויטיק און הילף און דארט, אונטערן שאטן פון טויט, זיך מיט באטייליקט אין געהיימער פאליטישער טעטיקייט. ארויסגעקומען פון די קאנצענטראציע לאגערן א צעבראכענער פיזיש און גייסטיק צו געפונען זיך היימלאז און משפחה־לאז, נע ונד איבער דער וועלט, וועלכע האט „בילכערע זארגן" ווי פארנעמען זיך מיט איינארדנען געליטענע. די לעצטע עטלעכע יאר האט ער געפונען א ווארעמע היים ביי א גוטער פרוי, וועלכע האט אים גוט נאכגעקוקט ווי אן אייגן קינד. ענדלעך האט ער א תקון געפונען, צו דער צופרידנהייט פון זיינע פריינט. האט דער מלאך המות א פאכע געטון מיט זיין שווערד און די שארף האט פונקט זיין האלדז געטראפן — און אויס... און ביי אונז דא געלאזן א ליידיק בענקל... א דור הולך און א דור בא. חבל...!

זאלן די פאר ווערטער זיין א בלומל און א טרער אויף זיין פרישן קבר.

## פראפעסאר שמואל אייזנשטאדט (תל־אביב)

# „קלאנגען“ פון ישעיה זאנדבערג

דער פארלאג „אויפקום“ אין תל־אביב, וועלכער האט שוין אין יאר 1965, ארויסגעגעבן און מיט דערפאלג פארשפרייט דעם אינהאלטרייכן בוך פון ישעיה זאנדבערג „פונקען אין דער נאכט“, טראגט איצט אריין א נייעם בייש־טייער אין דעם אוצר פון דער יידישער ליטעראטור, ארויסגעבנדיק דעם לידער־בוך פון זעלביקן מחבר א״נ: „קלאנגען“.

ישעיה זאנדבערגס יסודותדיקע פארטיפונג אין דער פראבלעמאטיק פון מענטש און וועלט געפינט איר פולן ארויסדרוק אין די „קלאנגען“ און האר־מאניזירט מיט דער שפירזאמער מוזיקאלישקייט פון מחברס שאפן, מיטן אויסגעהאלטענעם ריטעם פון זיינע פאלקס־און־יוגנט לידער, וועלכע ווערן באגלייט מיט נאטן און טויגן זיך מייסטערהאפט אויס צום זינגען נישט נאר פאר סאלא, נאר גאנץ באזונדער פאר פאלקס־און־יוגנט־כארן.

א באזונדער שטארקן רושם לאזן איבער אויפן לייענער די אייגנארטיק אינטערפרעטירטע פאעמעס אויף ביבלישע און תלמודישע מאטיוון, ווי למשל, „ואתחנן“ און „חוני המעגל“ און די קלאסיש אויסגעהאטענע איבערדיכטונג פון דעם שמועס צווישן דעם געפלאגטן איוב און זיינע פריינט.

פיל חן און שעפערישע אינספיראציע שטראלט ארויס פון ישעיה זאנד־בערגס געשאפענעם נוסח פון דעם וועלט־פאפולערן העברעאישן ליד „ירושלים של זהב“ און א ריי העברעאישע און אנדערש־שפראכיקע דיכטונגען.

דער אינהאלטרייכער און עסטעטיש שיין ארויסגעגעבענער לידער — בוך „קלאנגען“ איז א באשיינונג פאר יעדער ביבליאטעק און יעדער יידישער היים.

## לשנה - טובה ווונטשן (המשך)

לאנדאן, יוליאן גראס און פאמיליע און אלע פריינד בכל מקום שהם א כוח״ט.

יצחק פייגנבלאט ווינשט זיינע קינדער, משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

שלום יאקובאוויטש פרוי און קינדער ווינטשן זייער משפחה, פריינט און אלע יידן א גוט יאר.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן זיירע שוועסטער און ברודער, קינדער און איינקלעך, פריינד און גאנצע משפחה א רואיק און גליקלעך יאר.

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

מ. בערנשטיין און פרוי ווינטשט זיינע קרובים און פריינט א גוט געזונט יאר.

וואלף קאסאוו און משפחה ווינטשן אלע זייער קרובים און פריינט א כוח״ט.

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשען דעם כלל ישראל א שנה טובה.

מר. און מרס. סעם הערסט ווינשן זייערע זין, טאכטער, שנירס, אייניקלעך, משפחה און קרובים אין ישראל, רומעניע, אמע־ריקא, א כתיבה וחתימה טובה.

סעמועל, 97 ניוראד „סעקענט קלאטה שאפ“ ווינטש אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

משה מארקאוויטש און טאכטער ווינשט

דוד בערמאן ספרים און מארקן־סוחר פון 207 לאוער קלעפטאן רויד. א.5, ווינשן זייערע גוטע פריינט און באקאנטע א כתי־בה וחתימה טובה.

יצחק גארדאן ווינטש זיינע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.



שיע בירענבוים ווינשט זיינע קרובים און פריינט א גוט געזונט יאר.

אברהם ברוך און שערלי באש אייגנטימער פין מענער האטעל אין וועסטקליף ווינשט א כתיבה וחתימה טובה אלע זייערע פריינט קרובים און די געסט אין זיין האטעל.

חיים האלדזשטוק ווינשט כתיבה וחתימה טובה זיין משפחה און פריינט.

ישראל שטיגלץ א גוט געזונט יאר זיין משפחה, פריינט, דא און מעבר לים.

מרס. שרה לאה האכשטיין ווינטשט איר פאמיליע, פריינט און זון און קרובים, בכל מקום שהם, א גוט יאר, און א כוח״ט.

א כתיבה וחתימה טובה אונדזערע קרו־בים, קאלעגן און פריינט אין אייראפע, מדי־נת ישראל, פאריייניקטע שטאטן און לא־טיין־אמעריקע — ש. י. און נעלי הארענ־דארף. לאנדאן, ערב ראש השנה, תשכ״ז.




זומער פייגעלעך און וואלד
ווי בלעטעלעך פון רויזן,
רויטע, געלינקע און ווייס
טאנצן זיי צעלאזן.

שווערן לייכט זיי אין דער לופט.
צארט דאס גראז באריר ן,
זעצן זיי זיך אויף מיין האנט.
קוים איך קען עס שפירן.

מקנא בין איך אייך,
פייגעלעך איר קליינע,
לעבן שטענדיק דא אין פעלד.
אומשולדיקע ריינע.

וואלט איך וועלן דא מיט אייך,
אייביק שוין פארבלייבן.
שפינען זיך מיט אייך און טאנץ,
האניק טראפנס קלייבן.

ווען פארשווינדן ס׳ווערט די זון,
דאס פעלד זיך געל פארפארבן,
דאן צוזאמען און דער קעלט,
טאנצנדיק אפשטארבן.

דער באַרימטער העברעאישער ישראל־שרייבער אהרן מגד איז אנגעקומען ווי דער קולטור אטאשע אין דער ישראל־אמבאַסאדע אין לאנדאן: מגד איז אויך באקאנט מיט זיין גרויסע ליבשאפט צו דער יידישער ליטעראטור מיר באגריסן אים און ווינטשן אים א ברוך הבא.

א צאתכם לשלום־באנקעט פארן פרעסע־שעפ ביים ישראל־אמבאסאדע מ.מ.ה. שרון פון אלע נאציאנאלע־פארטייען און אינסטיטוציעס קומט פאר דעם 26'סטן סעפטעמבער אין רעקס הויז, צו זיין אפפארן קיין ישראל.

י. ל. פיין דער גוט־באקאנטער לאנדאנער ארבעטער און קולטור פירער דער שרייבער י. ל. פיין איז געווארן 85 יאר מיר ווינטשן אים נאך א סך געזונטע און גוטע יארן — עד מאה ועשרים.



י. ל. פיין

שבת, דעם 7'טן סעפטעמבער, האבן זיך די יידישע ליטערארישע שבת נאכמיטאג, נאכן איבעררייס צו פון די „האלידעיס" ווידער אנגעהייבן, עס האבן זיך בעטייליקט: יעקב ריכטיגער, ח. נ. בענקוויטש און מאיר באגדאנסקי און נעט רובין.

דר. אהרן שטיינבערג, וואס איז געווען איבער 20 יאר דריקטאר פון קולטור־דעפארטמענט ביים יידישן וועלט קאנגרעס האט זיך צוריקגעצויגן פון דער ארבעט.

ח. נ. בענקוויטש, אקטיווער־טוער ביי יידיש־ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס איז עולה נאך ישראל אויף אייניקע חדשים.

דוד בערמאן איז אויף א נסיעה אין ישראל.

ש. פידערער, וועלכער איז געווען אייניקע יארן דריגענט אין דער שולע ביים לאנדאנער ארבעט־רינג, ער איז אויך באקאנט א זשורנאליסט, ווערט יעצט א בן־שבעים. מיר ווינטשן עד מאה ועשרים.

יעקב הלוי, פארזיצער פון דער בריטישער סעקציע ביים יידישן וועלט־קאנגרעס, איז געווארן דירעקטער־שטעלפארטרעטער פון קולטור־דעפארטמענט.

בקרוב וועט אין דער „ארב"־קאמפאניע געדרייט ווערן א יידישער פילם. דאס סצענאריע־בוך האט אנגעשריבן דער באקאנטער שרייבער אברהם שולמאן.

מאיר צעלניקער איז אויפגעטרעטן אין א הויפטראלע אין דער לאנדאנער טעלעוויזיע.

אברהם טאבעוויטש, אן אנגעזעענער אנארכיסטישער טוער איז פארגאנגענעם חודש געשטארבן.

אויף א זיצונג פון שרייבער און זשורנאליסט איז באהאנדלט געווארן די פראגע, פון זיך אנשליסן אים דער וועלט־פעדעראציע פון יידישע זשורנאליסטן.

אין דער ווייטשעפל ביבליאטעק איז געווען אן אויסשטעלונג פון די בילדער פון קלארע פרידמאן, צווישן די מאלערייען האבן זיך געפינען ישראל־בילד וואס מאכן אן איינדרוק.

לייבל ביילי, דער פארזיצער פון דער אנארכיסטישע גרופע אין לאנדאן ווערט דעם חודש א בן שמונים מיר ווינטשן אים נאך א סך געזונטע גוטע יאר — עד מאה ועשרים.

דער שרייבער גרשון סאפאזשניקאוו וואס האט געווײלט אייניקע טעג און לאנדאן איז אויסגענומען געווארן ביי די יידיש־ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס, פארגעשטעלט פארן עולם האט אים י. ח. קלינגער, דער חשובער גאסט איז אויך אויפגענומען געווארן ביי זיצונג פונם זשורנאליסטן־פאראין.

דער באקאנטער אקטיאר און רעציטאטאר יידל גאלדבערג האט שטארק אויסגענומען מיט לייענען לוצקיס א ליד ביי די שבת־נאכמיטאגס.

TOWER HAMLETS LIBRARIES



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11־10 (העפט 3־442) ניין און צוואנציקסטן יאר אקט.־נאוו 1968 לאנדאן

אינהאלט:

| | | |
|---|---|---|
| ממחרת יום־הכפורים, דער סועץ־קאנאל, גאטס מלכות פון שלום גאנצע וועלט איצט ווערט | | 3 |
| די געשיכטע און דער סדר פון די סליחות (עסיי) | י. ריכטיגער | 7 |
| הכנסת־אורחים (ליד) | יוסף לעפטוויטש | 13 |
| די אנדערע יאלאנטע (דערציילונג) | יוסף די באסט | 13 |
| אלע געזאנגען (ליד) | שמואל וההייט | 23 |
| אראפ פון יאריד, אין חשוון פינסטערער מולד־נאכט, א חשוון־זון (פראזע און פאעזיע) | א. נ. שטענצל | 24 |
| יעקב ביים ברונעם (ליד) | אברהם שלאנסקי | |
| אויף פארגעסענע שטעגן (ליד) | אברהם ברוידעס | |

רעדאקציע־נאטיץ:

## יידיש־ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס

בערנארד בעראן־סעטלמענט, הענריקעס סטר., א.1. שבת 3 אזייגער:

דעם 2טן נאוועמבער: דויד בערמאן וועט דערציילן פון זיין נסיעה קיין ישראל. לייענען און רעציטירן — נעט רובין און איזיק גאלדבערג.

דעם 9טן נאוועמבער: א רעפעראט פון יעקב ריכטיגער; לידער וועט זינגען מאיר באגדאנסקי און ח. נ. בענקוויטש וועט דערציילן פון זיין ישראל־נסיעה.

דעם 16־ נאוועמבער: א רעפעראט פון סעם לעף: פאליטישע וועלט־סיטואציע יעצט.

דעם 23־סטן נאוועמבער: געווידמעט דעם יידישן שאפן אין ישראל.

דעם 30סטן נאוועמבער: דאס 21סטע יאר נאכן יונ"א־באשלוס מכוח דער יידישער מדינה. רעדנער: ח. נ. בענקוויטש.

דעם 7טן דעצעמבער: די יידישע שרייבער און פאעטן אין סאוועט־רוסלאנד.

**א. גאלאמבן מאה ועשרים צו זיינע 80 יאר — פריינט פון יידיש לשון.**

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS, COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*